№ 9 — Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem — פרייז 20 גראשען — Lodzer Tageblat

לאדזשער טאגעבלאט

רעדאקציע און אדמיניסטראציע: פיעטרקאווער 16. טעלעפאנען: פון רעדאקציע 12, פון אדמיניסטראציע 41 | דינסטאג, ח׳ שבט תרפ״ז | 11 stycznia 1927 r. | צוואנציגסטער יאהרגאנג.

נצחון פון די לינקע גרופירונגען
ביי די וואהלען צום פראנצויזישען סענאט

פאריז 10. יאנואר (פאט) די לעצטע רעזולטאטען פון די וואהלען צו בעזעצען 108 מאנדאטען אין פראנצויזישען סענאט זענען פאלגענדע: עס זענען ווידערגעוועהלט געווארען 67 פריהערדיגע סענאטארען און 41 נייע. די קאנסערוואטיסטען האבען בעקומען 3 מאנדאטען און פערלוירען איינעם. די רעפובליקאנער — 19 און פערלוירען 8, די אונאפהענגיגע ראדיקאלען האבען בעקומען 9 און פערלוירען 1, די געזעלשאפטליכע ראדיקאלען — 44 פערלוירען 8, די קאמוניסטען — 2 און פערלוירען 2. מילעראן איז ביי די וואהלען דורכגעפאלען.

דער רעגירונגס-קריזיס אין דייטשלאנד.

בערלין, 10. יאנואר (פאט) פרעזידענט הינדענבורג איז היינט צוריקגעקומען קיין בערלין און אפגעהאלטען בעראטונגען מיט׳ן פארלאמענט-פארזיצענדער לעבע און מיט די פארשטעהער פון די רעכטע פארלאמענט-פראקציעס. שפעטער האט ער אויך אויפגענומען א פארשטעהער פון צענטרום. די בעראטונגען שטעהען אין צוזאמענהאנג מיט׳ן רעגירונגס-קריזיס. 10 אווענד האט פרעזידענט לוטהער פערבעטען צו זיך דעם ווירטשאפטס-מיניסטער ד״ר קורטיוס און איהם איבערגעגעבען די מיסיע צו שאפען דעם קאבינעט.

די שרעקליכע לאגע פון די איינוואוינער אין כינא.

לאנדאן, 10 יאנואר (אטע) די יאפאנישע און כינעזישע צייטונגען, מעלדען, אז בעת די מאניפעסטאציעס, וואס זענען פאריגע וואך פארגעקומען אין דער ענגלישער קאנצעסיע, האבען די ענגלישע מאטראזען געשלאגען די מאניפעסטאנטען. אין דער אייראפעאישער קאלאניע פון שאנכאי הערשט א פאניק. עס האבען זיך פארשפרייט קלאנגען, אז די ענגלישע רעגירונג האט בדעה ארויסצושיקען מיליטער קיין שאנכאי.

5 אמעריקאנער קריגס-שיפען אנגעקומען קיין כינא.

פאריז, 10. יאנואר (פאט) „טשיקאגא טריבון״ מעלדעט פון שאנכאי, אז 5 אמעריקאנער טארפעדא-שיפען זענען אנגעקומען קיין האנקאו. צוליב דעם, וואס עס איז אונמעגליך אפצוטראנספארטירען די גאנצע אויסלענדישע קאלאניע, וועלכע בעשטעהט פון 40 טויזענד נפשות, האבען זיך די אויסלענדישע קאנסולאטען געווענדעט מיט א בקשה צו זייערע רעגירונגען וועגען מיליטערישער הילף.

רעדע פון לעמבערגער וואיעוואדא אויפ׳ן ראוט לכבוד גענ. דידס
ביים דעפוטאט רייך

לעמבערג, 10 יאנואר (א. ח.) זונטאג אווענט האט רעפ. רייך איינגעארדנעט א ראוט לכבוד דעם גענעראל דידס.

אויפ׳ן ראוט איז אויך אנוועזענד געווען דער לעמבערגער וואיעוואדא, ד״ר בארטעל. דער וואיעוואדא איז ארויסגעטרעטען מיט א רעדע, אין וועלכער ער האט געזאגט, אז פון פאליטישע זייטען קוקט מען איהם אן מיט חשד, וואס ער אלס וואיעוואדא, קאן זיך געפינען אויף א ראוט ביי א פערזאן, וואס איז דער פרעזעס פון יודישען נאציאנאלען „קאלא״ און פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע. איך פערזענליך — שטעלט דער וואיעוואדא זעהר נישט די פראגען שוין וואנדער, און, דאנקענדיג דעם בעל-הבית פאר דער גאסטפריינדליכקייט, שטעל איך דא פעסט, אז א ציוניסט קאן זיין א גאנץ גוטער בירגער;

אויב עס געהט וועגען דער יודישער שטרעבונג אויפצובויען זייער פאטערלאנד ארץ ישראל, קאן איך נאר זאגען, אז דער ראזומער ערהאבענער ציל קאן נישט פערדינען אויף קיין פארווארפען און שטענדיג וועט ער ביי אונז געפינען אונטער-שטיצונג.

לעמבערג, 10 יאנואר (פאט) גענ. דידס האט היינט בעזוכט די יודישע שולען און דעם יודישען שפיטאל. 1 מינוט איז פארגעקומען א פרעסע-קאנפערענץ, וועלכע איז געעפענט געווארן דורך סענאטאר רינגעל. דערנאך האט גענ. דידס גערעדט וועגען די צילען פון ציוניזם און צום סוף האט ער געענטפערט אויף די פראגען, וואס זענען איהם געשטעלט געווארען דורך דער פוילישער, יודישער און אוקראינישער פרעסע.

סעקרעטאר פאר די נאציאנאלע מינדערהייטען ביי דער פעלקער-ליגע אנגעקומען קיין פוילען.

קאטאוויץ, 10 יאנואר (פאט) היינט האלב 10 פריה איז אנגעקומען דער שעף פון דער סעקציע פאר די נאציאנאלע מינדערהייטען ביי דער פעלקער ליגע ה׳ קאלבאן. די פארשטעהער פון דער מאכט האבען דעם גאסט אפגעווארט אויפ׳ן באהן-הויף. מארגען פריה וועט פארקומען א פריהשטיק לכבוד דעם גאסט ביים קאטאוויצער וואיעוואדע.

א נייע טעקסטיל-אונטערנעהמונג אין „בני-ברק“.

ירושלים (ימ״א) אין לאנדאן האט זיך געשאפען א געזעלשאפט מיט דעם ציל צו גרינדען א טעקסטיל-אונטערנעהמונג אין דער קאלאניע „בני ברק“ ביי יפו. עס איז שוין צוזאמענגעשטעלט געווארען א קאפיטאל פון 5000 פונט. די גרינדער פון דער געזעלשאפט זענען די ה״ה ז. מאיר און י. ליבערמאן פון „בני ברק“.

א זקן פון 97 יאהר בעגעהט זעלבסטמארד.

מונקאטש (ימ״א) דער 97-יעהריגער זקן זלמן לייב מאסקאוויטש האט זיך אויפגעהאנגען אויף א האק ביי זיך אין שטוב. צו דעם טראגישען טויט האט דערפיהרט דעם זקן די גרויסע נויט, אין וועלכער עס איז איהם אויסגעקומען צו לעבען.

דער נעכטיגער דאלאר-קורס

אפיציעל: —

נישט-אפיציעל — 9.00 + טענדענץ — רוהיג.

דערוויסענדיג זיך ערשט איצט וועגען דעם טויט פון ה׳

מרדכי יהושע זעלמאנאוויטש ז״ל

דריק איך אויס מיין טיפסטען מיטגעפיהל מיין חשוב׳ן פריינד ישראל זעלמאנאוויטש ווי אויך דער פאמיליע פון פערשטארבענעם.

המקום ינחם אתכם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים!

משה ליס

ש״ץ בטומשב מזוביצקי.

וויכטיג פאר דעם יודישען צענטער אין לאדז!

איך מאך בעקאנט, דאס איך האב געעפענט א ביורא א. ג.:

„יורא“ 26 נאוואמיעסקא 26
אין יודישען צענטער פון לאדז

אונטער דער לייטונג פון בעאמטען און רוטינירטען לייטער ה׳ לעאן לוצקי, ווי עס ווערען אינפארמירט, געשריבען און ערלעדיגט אלערליי שטייער-, אדמיניסטראציע-, פאליציי-, געריכטס- און מעסער-אנגעלעגענהייטען. איבערזעצונגען פון אלע שפראכען. עס ווערען אויך אנגענומען פראטעסטירטע וועקסלען איינצוקאסירען.

שנעל, רעעל און ביליג!

מיט אכטונג יוסף אלפום

לאדז, נאוואמיעסקא 26, טעלעפאן 56-43.

יודישע פאלקס-פארטיי אין לאדז.

היינט דינסטאג, דעם 11 יאנואר, פינקטליך 8 אין אווענד, קומט פאר די פארזעצונג פון דער אלגעמיינער פערזאמלונג מיט פאלגענדער טאג-ארדנונג: 1) וויי̆טערע דיסקוסיע איבער׳ן בעריכט, 2) וואהלען פון א ראט פון דער פארטיי. אלע פארטיי חברים ווערען אויפגעפאדערט פינקטליך צו קומען.

ראט פון דער יודישער פאלקס-פארטיי אין לאדז.

עס קלינגט שוין איז גאנץ לאדז,

אז אלער ארט ביטעס, פאדאניעס, רעקורסען, אפעלאציעס און אלע געריכטס-פינאנס-אדמיניסטראטיווע און קאמונאלע אינסטיטוציעס ווערען אמגעסטען, אמביליגסטען און אמשנעלסטען ערלעדיגט אין ביורא

„פאלאניא“ אלעיא 1 מאי 7.

וויכטיגע בעמערקונג: טעגליך פון 5 ביז 7 ווערען ערטיילט עצות און אנווייזונגען אין אלע שטייער-אנגעלעגענהייטען דורך ה׳ לעאן שווייצער.

— איבערזעצונגען: האנדעלס- און פריוואט-קארעספאנדענץ, קאנטראקטען. — פראטעסטירטע וועקסלען ווערען אנגענומען אויפצומאנען מיט אייגענע קאסטען.

מיטגלידער פון פראפעסיאנעלע פעראיינען צאהלען 25% ביליגער.

אפערן-געזאנג-שולע
פון

Bronisława Olecka

אפערן-זינגערין און מיטגלידערין פון ארטיסטען-פערבאנד פון די פוילישע ביהנעס.

סאלא-אויסבילדונג פון פרויען- און מענער-שטימען.

לאדז, אלעע 1 מאי 68, פארטער.

J. Karmazyn צאהן-ארצט

פאלודניאווא 2

נעמט אן פערזענליך. ספעציאליסט פאר ווייסע און קינסטליכע ציינער אהן גימען. ביים בעשטעלען קינסטליכע ציינער וואורצעל- און קראנקע צעהן-בעזייטיגונג — גראטיס

אויפפאדערונג.

דערמיט פאדערען מיר אויף דעם ה׳ הירש מרדכי ליבערמאן אונז צוצושטעלען די 13 קערץ קויחלען וועלכע קומען אונז שוין זייט 9 חדשים.

די שולע אויפ׳ן נאמען פון שלום עליכם אין לאדז.

Dr. med. S. Kantor

ספעציאליסט פאר הויט- ווענערישע- און האר קראנקהייטען. רענטגען- און הייל-ליכט-קאבינעט. מענער-שוואכע

פיעטריקאווער 144, רוג זאוואדזקא טעלעפאן 29-45.

נעמט אן: פון 8—2 און פון 6—8. פאר פרויען א בעזונדער ווארטע-צימער — פון 5—6 נאכט נעמט אן אין דער לעטשניצע „סאניטאס“ ציגעל-גאס 29 פון 2—4.



פלעגט די פיס
PEDICURE

S. Łódzki, Trauguta 5 (Krótka), m. 10.

ספעציאליסט צו בעזייטיגען היגער-אויגען און נעגעל אהן שמערצען.

גאל-שטיינער-שמערצען

בעזייטיגט אהן איינשפריצונג עלסטער פעלדשער

ש. שושקעוויטש

קאנסטאנטינער 38, טעלעפאן 55-45.

Dr. Z. Rakowski

ספעצ. פאר אויערען, נאז, האלז און לונגען-קראנקהייטען

9 קאנסטאנטינאווסקא 9 טעלעפ. 27-81

ספעציעלער קורס פאר שטאמלער.

שפרעכשטונדען פון 12—2 און פון 5—7.

נעהמט אויך אן אין לעטשניצע זגערזשער 17 פון 10 ביז 11 און פון 2 ביז 3 נאכם. 8016

ANUSOL

WYRÓŻNIAJĄCY ZNAK — GOEDECKE & Co — POŚWIADCZAJĄCY TOWAROWY

WYPRÓBOWANY I WYGODNY SPROWADZAJĄCY ULGĘ w CIERPIENIACH

LECZNICZY ŚRODEK PRZECIWKO

HEMOROIDOM

CZOPKI

ANUSOL

PRAWDZIWY TYLKO w PUDEŁKACH z PLOMBĄ DO NABYCIA we WSZYSTKICH APTEKACH I SKŁADACH APTECZNYCH.

JENERALNI PRZEDSTAWICIELE NA RZECZPOSPOLITĄ POLSKĄ DOM HANDLOWY ED. KOCH i W. BORMANN WARSZAWA UL. BODUENA Nº 1.

מיינע פריינד, דער פאמיליע

א. י. ברזשעזשינסקי

צו דער חתונה פון זייער איינציגער טאכטער

שרה
מיט׳ן

ד״ר אלעקסאנדער שווארץ

וואס קומט פאר היינט, דינסטאג, אין לאדז, ווינש איך א הערצליכען מזל-טוב און דעם יונגען פאר א רואיגע צוקונפט.

אלי׳ בארוכין.

Dr. med. STUPEL
12 SZKOLNA 12

ספעציאליסט פאר הויט, האר און ווענערישע קראנקהייטען, מענער-שוואכע, רענטגען-שטראהלען און קווארץ-ליכט עלעקטרא-טעראפיע.

נעמט אן פון 6—9, פרויען פון 12—3.

Dr. med. Braun

ספעציאל-ארצט פאר הויט-און ווענערישע קראנקהייטען און מענער שוואכע.

בעהאנדלונג מיט קווארץ-ליכט (האר-אויספאל)

23 פאלודניאווא 23

טעל. 40-26

נעהמט אן פון 9—11 און פון 5—8 אווענד.

Dr. med. L. Pikielny

ספעציאליסט פאר נירען- בלאז- און אורין-ארגאנס.

נעמט אן פון 4—7 נאכם.

נאווראט 8, — טעל. 19-90.

דעקרעט פון מלוכה־פּרעזידענט

וועגן אַנולירן די פּערעלטערטע דירעקטע שטייערן.

דעקרעט פון מלוכה־פּרעזידענט וועגן אַנולירן די פּערעלטערטע דירעקטע שטייערן.

װאַרשע, 10 יאַנואַר (פּאַט) נעכטן 5 נאָכמיטאָג איז פאָרגעקומען אַ זיצונג פון מיניסטעריען־ראַט, אויף וועלכע עס זענען אַנגענומען געוואָרן אַ ריי באַשלוסן. צווישן אַנדערן איז אויך באַשטעטיגט געוואָרן דער דעקרעט פון פּרעזידענט וועגן אַנולירן די פּערעלטערטע דירעקטע שטייערן, אויך פאַר סטעמפּעל־אָפּצאָלונגען און דעם פּערעלטערטן שטייער פון ירושות און פּרעזענטן.

דער מיניסטעריען־ראַט האָט זיך אויך אָבגעשטעלט איבער דער נאָמינאַציע פון די מיטגלידער פון דער אַנגעטשע־קאָמיסיע, וועלכע קאַנדידאַטורן וועלן אין די נאָענטסטע טעג פאָרגעשטעלט ווערן דעם פּרעזידענט צום באַשטעטיגן.

צוויי באַהן־קאַטאַסטראָפעס

הינטער קוטנאָ און הינטער לובלינעץ.

װאַרשע, 10 יאַנ. (פּאַט) דעם 8. ד. ח. 11 אַ זייגער אווענד איז פאָרגעקומען אַ צוזאַמענשטויס צווישן אַ באַהן־צוג און 2 לאָקאָמאָטיווען. 2 לאָקאָמאָטיוון זענען באַשעדיגט געוואָרן און איינציקע וואַגאָנען פון פּאַסט־צוג זענען אינגאַנצן צושטערט געוואָרן. 4 באַהן־אַרבעטער זענען פאַרוואונדעט געוואָרן. דער אָרט פון דער קאַטאַסטראָפע איז אָבגעשפּאַרט געוואָרן. אַרומגיין־צוג פון קוטנאָ. האַלב 8 פריה איז שוין דער באַהן־פאַרקער צוריק נאָרמאַל. וועגן דער קאַטאַסטראָפע וועט מען פירן אַן אויספאָרשונג.

װאַרשע, 10 יאַנואַר (פּאַט) דעם 9 יאַנואַר, 11 אַזייגער איז פאָרגעקומען אַ קאַטאַסטראָפע מיט אַ משא־צוג, וואָס האָט געפירט אַמוניציע. דער קאָנדוקטאָר איז געוואָרן לייכט פאַרוואונדעט. די קאַטאַסטראָפע איז פאָרגעקומען צוליב דעם, וואָס דער וועקסלער איז געווען אַנגעשיכורט.

פאַרענדיגט דער גרויסער קאָמוניסטיש־אוקראַאינישער פּראָצעס אין װלאַדימיר־װאָלינסק.

לובלין, 10. יאַנואַר (א.ח.) היינט איז פאַרעפענטליכט געוואָרן דער אורטייל אין פּראָצעס קעגען די 140 אָנגעקלאַגטע אוקראַאינער און קאָמוניסטן. דער פּראָצעס האָט זיך אָנגעהויבן דעם 15 נאָוועמבער. 20 אָנגעקלאַגטע זענען באַפרייט געוואָרן; 9 זענען פאַרמשפּט געוואָרן אויף 6 יאָהר טורמע און די איבעריגע פון 4 יאָהר און מעהר שווערע תפיסה.

דער פּראָצעס איז פאָרגעקומען אין װלאַדימיר־װאָלינסק.

ליטווישע רעגירונג אַפּגערופען איהר יודישען גענעראַל־קאָנסול פון אַמעריקאַ.

קאָוונאַ, 10 יאַנואַר (טעלעגראַפיש דורך ימ"אַ) דער פּרעמיער וואָלדעמאַראַס האָט מיטגעטיילט די פּרעסע־פאַרשטעהער, אַז די ליטווישע רעגירונג האָט אָפּגערופען פון זיין אַמט דעם ליטווישען גענעראַל־קאָנסול אין ניו־יאָרק ראַבינאָוויטש (אַ יוד).

לויט ווי דער פּרעמיער האָט אָנגעגעבען אין זיין ערקלערונג איז דאָס אָפּרופען פון זיין אַמט דעם גענעראַל־קאָנסול געשעהן לויט'ן וואונש פון די ליטווינער אין אַמעריקאַ, וואָס ווילען, אַז ליטאַ זאָל זיין פאַרטרעטען אין אַמעריקאַ דורך אַ קריסט.

די ערקלערונג פון פּרעמיער האָט אַרויס־גערופען אַ געוואַלטיגע רעאַקציע אין די יודישע קרייזען.

אַמעריקאַ איז חושד די סאָוויעט־רעגירונג,

אַז זי אַגיטירט געגן איהר אין צענטראַל־אַמעריקאַ.

מאָסקווא, 10 יאַנואַר (א. ח.) דער פאָלקס־קאָמיסאַר פאַר אויסערן־ענינים האָט באַקומען אַ מעלדונג, אַז די אַמעריקאַנער רעגירונג באַנוצט דאָקומענטען, וועלכע שטעלען פעסט, דאָס די סאָוויעטען האָבען געפיהרט אַ אַגיטאַציע צו פאַרטיפען די אומפאַרשטענדעניש צווישען די פעראייניגטע שטאַטען און די קליינע אַמעריקאַנער צענטראַל־מלוכות. אין די סאָוויעטישע קרייזען האַלט מען דערביי, אַז האָט די דערמאָנטע דאָקומענטען זענען נעפאַלשטע און שטעלען נישט מיט זיך פאָר קיין שום רעאַלען ווערט, ווייל זיי דאַ מיטוויסען דעריבער, אַז די פראַגע וועגען אַמעריקאַ'ס אָנערקענונג די סאָוויעטען וועט ווידער ווערען אָבגעלעגט אויף אַ לענגערע צייט.

די אינפלוענציע אין דייטשלאַנד.

בערלין, 10 יאַנואַר (פּאַט) די צייטונגען מעלדען, אַז ביז איצט זענען 5 פּערזאָן געשטאָרבען פון דער אינפלוענציע. אין די לעצטע טעג האָט זיך די עפּידעמיע געוואַלדיג פאַרשפּרייט. אין קאַרלסרוהע האָבען זיך פּמעט אַ דריטעל פון דער אַרבייטערשאַפט נישט געקענט שטעלען צו דער אַרבייט, צוליב דער קראַנקהייט. די עפּידעמיע האָט זיך מיט אַ באַזונדערער גרויסקייט פאַרשפּרייט אין באַדען, וואו עס ליגען קראַנק פון 40 ביז 50 טויזענט פערזאָן.

צוליב וואָס האָט זיך וויצע־פּרעמיער באַרטעל אָפּגעזאָגט פון דער לייטונג פון בילדונג'ס מיניסטעריום?

באַרטעל וועט זיך איצט גענצליך ווידמען דער ווירטשאַפט־ליכער פּאָליטיק פון דער מלוכה.

װאַרשע, 10 יאַנואַר (טעלעפאָניש) די נאָמינאַציע פון ד"ר דאָברוצקי אַלס בילדונגס־מיניסטער איז פאַרגעקומען אומבעריכט אַפילו פאַר די קרייזן, וואָס שטעהן נאָהענט צו דער רעגירונג. דאָרט האָט מען זיך גערעכנט אויף אַ גאַנץ אַנדערן אויסגאַנג פון דער רעקאָנסטרוקציע, היינט אין דער פריה האָט וואַרשע איין צייטונג געמעלדעט, אַז אין אַ פּאָר טעג אַרום וועט פאַרקומען אַ גרינדליכע רעקאָנסטרוקציע פון קאַבינעט. מאַרשאַל פּילסודסקי וועט, געמעלדעט, דעמיסיאָנירן אַלס פּרעמיער־מיניסטער און אויף זיין אָרט אַלס פּרעמיער וועט באַשטימט ווערען דער וויצע־פּרעמיער באַרטעל. אין משך פון טאָג האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזען, אַז באַרטעלס קאַנדידאַטור אויף פּרעמיער איז בכלל אַקטועל. פון דער לייטונג פון בילדונגס־מיניסטעריום האָט ער זיך אָפּגעזאָגט ווייל ער וועט זיך איצט גענצליך פאַרנעמען מיט די ווירטשאַפטליכע ענינים, וועלכע האָבען איצט די וויכטיגסטע באַדייטונג פאַר דער מלוכה. זיין אַרבייט אויף דעם דאָזיגען געביט איז איצט נאָך מעהר נויטיגער ווי שטענדיג, ווייל אין דער נאַהנטסטער צוקונפט איז צו דערוואַרטען פון דער ווירטשאַפטליכער פּאָליטיק, ווי אויך אין דער אַלגעמיינער פּאָליטיק פון דער מלוכה. וואָס שייך דער עצם פאַקט פון דער נאָמינאַציע פון אַ נייעם בילדונגס־מיניסטער זאָגט מען זיך אַרויס, אַז אין דער פּאָליטיק פונ'ם שול־וועזען און בכלל אין די ענינים, וואָס געהערען צום רעסאָרט פון בילדונגס־מיניסטעריום וועלען קיין ענדערונגען נישט פאָרקומען.

ד"ר דאָברוצקי איז דעם וויצע־פּרעמיער באַרטעל'ס אַ פּאָליטישער פריינד און ער וועט ווייטער גיין אין די דרכים פון פריהערדיגען לייטער פונ'ם דערמאָנטען מיניסטעריום.

אין בילדונגס־מיניסטעריום איז נאָך ביז איצט נישט באַוואוסט, ווען דער נייער בילדונגס־מיניסטער וועט איבערנעמען דעם אַמט.

לויט אַלער וואַהרשיינליכקייט, וועט דאָס פאַרקומען מיטוואָך. דער נייער בילדונגס־מיניסטער איז אַ דאָקטער מעדיצין, פון דער ספּעציאַליטעט אַ כירורג. ער איז באַוואוסט אַלס אַן אויפריכטיגער דעמאָקראַט.

שוידערליכע שרפה אין אַ קינאָ־טעאַטער

איבער הונדערט קינדער אומגעקומען מיט די שרעקליכסטע יסורים אין די פלאַמען

ניו־יאָרק, 10 יאַנואַר (פּאַט) די אַלע אַמעריקאַנער פּרעסע איז פול מיט שוידערליכע ידיעות וועגען אַ שרעקליכער שרפה, וואָס איז פאָרגעקומען אין אַ קינאָ־טעאַטער אין מאָנטרעאַל (קאַנאַדאַ). די צייטונגען זאָגען זיך אַרויס, אַז אַזאַ קאַטאַסטראָפע איז נאָך נישט געווען זייט דער ערד־ציטערניש, וואָס איז פאָרגעקומען אין דער סאַן־פראַנציסקאָ אין קאַליפאָרניען. אין די פלאַמען זענען פאַרברענט געוואָרן אַ גרויסע צאָהל קינדער. קרבנות פון עלטערע יאָהרען איז דאָ ווייניגער. די פעסטגעשטעלטע ציפער'ן גיבען איבער מיט דער גרעס פון אומגליק. מען רעכנט, אַז די צאָהל פאַרברענטע קינדער איז העכער פון הונדערט. דאָס קינאָ־טעאַטער איז אינגאַנצען פאַרברענט געוואָרן און עס האָט נישט געבליבען די רעשטלעך פון אַלע אַרכיטעקטאָנישער אויסשטאַטונגען און מאָנטרעאַל איז די אויפגעוויגעלטע שטאָט.

מאָנטרעאַל, 10 יאַנואַר (א. ח.) אין אַ קינאָ־טעאַטער, וואָס געפינט זיך אין אַרבייטער־קוואַרטאַל אין מאָנטרעאַל, איז געשטערן פאָרגעקומען אַ שוידערליכע קאַטאַסטראָפע, אין וועלכער עס זענען אומגעקומען 96 פערזאָן. די גאַנצע שטאָט איז שוין איצט פאַרטרויערט.

מען האָט אָבער מורא, אַז די צאָהל קרבנות גרייכט ביז 150. די צאָהל פאַרוואונדעטע איז אויך גרויס, אַז מען קאָן זי נאָך ביז איצט נישט פעסטשטעלען.

די שרפה איז באַמערקט געוואָרן 2 נ.מ. ווען דאָס קינאָ איז געווען איבערגעפילט מיט קינדער און יוגענטליכע, וועלכע זענען געקומען צום נ.מ. סעאַנס. דערוויילען די דריטע צענדליג אינגאַנצען פלאַם־פען זאָל, איז צווישען די קינדער אויסגעבראָכען אַ מורא'דיגע פּאַניק. מען האָט זיך געוואָרפען צו דער טיר, מ'רעטענדיג איבער אויפ'ן צווייטען. אויפ'ן ערשטען אַלאַרם־סיגנאַל האָט זיך אַ טייל פון קליינוואַרג געלאָזט לויפען צו די שמאָלע טרעפּ, וועלכע האָבען זיך אַפּער, אַיינגעבראָכען אונטער דער משא און זענען קינדער זענען אַראָפּגעפאַלען. דערהרגעט געוואָרען אויף אָרט. דאָס פייער האָט זיך דערווייל פאַרשפּרייט מיט אַ משוגענער גיכקייט. די פייערלעשער וואָס זענען תיכף אָנגעקומען צום אָרט פון דער שרפה האָבען שוין נים געקאָנט בּאַהעררשען דאָס פייער און האָט זיך נים באַגרענצען בלויז מיט'ן אַרויסטראָגען די פאַרברענטע קערפערלעך, דערהרג'עטע און פאַרוואונדעטע.

עקספּאָרט פון טעקסטיל־סחורות פון לאָדז.

אין דעצעמבער זענען אַרויסגעפיהרט געוואָרן פאַר 3 מיליאָן סחורות.

לויט סטאַטיסטישע ידיעות האָט דער עקספּאָרט פון לאָדזער סחורות אין דעצעמבער שטאַרק זיך פאַרקלענערט. אין יענעם חודש איז אַרויסגעפיהרט געוואָרן 17.571 קילאָ באַוואָל־סחורות אויף אַ סומע פון 176,791 זל. 302,530 קילאָ אויף אַ סומע פון 2 מיליאָן 765 טויזענט זלאָטים, 18,225 האַלב־וואָלענע סחורות אויף אַ סומע פון 202,500 זל., 17,602 קילאָ וואָלענע סחורות פאַר 284,844 זל. צוזאַמען איז אין דעצעמבער אַרויסגעפיהרט געוואָרן 350.928 קילאָ פאַר 3 מיליאָן, 419 טויזענד 330 זלאָטים.

דאָס ע־שטע אָרט פאַרנעמט דער טעקסטיל־עקספּאָרט קיין רומעניען, (קרוב 2 מיליאָן) דער דאָזיגער מאַרק איז ערנסט באַדראָהט געוואָרן דורך דער אַקציע פון דער רומענישער רעגירונג דורך אַ הויכען צאָל צו באַגרענצען דעם אַריינפיהר פון פּוילישע סחורות.

דאָס צווייטע אָרט האָט פאַרנומען דאַנציג (360.030), ווייטער געהט ליטאַ (327 טויזענד) אַמעריקאַ (275 טויזענד) ליטאַ (202 טויזענד).

אין צוויי יאָהר אַרום — אַ נייע וועלט־מלחמה?

אין פילאַדעלפיע האָט פּראָפעסאָר טשיזשעווסקי פון מאָסקווער אוניווערזיטעט געהאַלטען פאַר די סטודענטען און פּראָפעסאָרען אַ פאָרטראָג וועגען אַסטראָנאָמיע אין צווישען אַנדערע האָט דער פּראָפעסאָר פאָראויסגעזאָגט, אַז אין די קומענדיגע צוויי יאָהר וועט אויסברעכען די גרעסטע קריג, וואָס די וועלט האָט ווען עס איז געזעהן. און דאָס וועט פאָרקומען צוליב דעם, וואָס אויף דער זון פאָרמירען זיך זאָנדערבאַרע פלעקען.

דער פּראָפעסאָר האָט באַגרינדעט זיינע פאָראויסזאָגונגען מיט געשיכטליכע פאַקטען, אַז תמיד, ווען עס האָבען זיך אויף דער זון פאָרמירט פלעקען, איז די מענשהייט געוואָרען קריגעריש, און די גרעסטע מלחמות זענען אין אַזעלכע יאָהרען פאָרגעקומען.

פאַר געבען אַ רעשט אַ פאַלשען 2־זלאָטי־באַנקנאָט

צוויי יודישע ביינגעל־סוחרים'לעך פאַרמשפּט אויף אַ יאָהר און האַלב יאָהר טורמע.

(ג) פאַרגאַנגענעם פרייטאָג איז אין הויזען קרייז־געריכט פאָרגעקומען אַ פּראָצעס קעגען 2 יונגע יודישע יונגלעך, וואָס האַנדלען אין גאַס מיט בייגעל און פּאָפּי־רעזען און פראַגט און האַלט קוים אויף זייערע פרויען.

אין באַשולדיגונגס־אַקט ווערט דעם 16־יעהריגען חיים יודעל ראָזענטאַל פאָרגעוואָרפען, אַז ער האָט געוואָלט אויסגעבען אַ פאַלשען 2־זלאָטי־באַנקנאָט, זאָגענדיג א.ב.עט־צייגט, אַז דאָס איז פאַלש געלד. ראָזענטאַל איז דערפאַר אַרעסטירט געוואָרן דאָ, ווען ער האָט פאַר דעם פאַלשען געלד געוואָלט קויפען ביי אַ קריסטליכען צעטונגס־פאַרקויפער אַ צייטונג. דער קריסט האָט דעם יודישען יונגעל איבערגעגעבען אין די הענד פון דער פּאָליציי.

פעת'ן פאַרהער האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז דער 16־יעהריגער ראָזענטאַל האָט דעם פאַלשען 2 זלאָטי־שיין באַקומען פון דעם 19־יעהריגען יודישען בייגעל־סוחר פיאַלקאָווסקי, וועלכער האָט צוגעזאָגט ראָזענטאַל'ן 80 גראָשען, אויב ער וועט דעם פאַלשיפיקאַט אויסגעבען.

אַלס רעזולטאַט פון דעם פאַרהער איז אויך דער צווייטער בייגעל־פאַרקויפער אַרעסטירט געוואָרן און געגען זיי האָט די פּראָקוראַטור פאַרפירט אַ פּראָצעס. געגען אַ קוויטל פון 150 זלאָטים פאַר אַ פּערזאָן, זענען די 2 בייגעל־פאַרקויפער באַפרייט געוואָרען פון אַרעסט ביז'ן פּראָצעס.

דאָס געריכט האָט דעם 16־יעהריגען "פאַרברעכער" פאַרמשפּט אויף 6 חדשים טורמע און דעם 19־יעהריגען אויף 1 יאָהר תפיסה.

ביידע מינדעריעהריגע זענען באַלד אָבגעפיהרט געוואָרן אין טורמע.

—0—

דריי חדשים טורמע פאַר נישט געהאָרכזאַמקייט אין מיליטער־דינסט.

(§) דאָס מיליטער־געריכט אין לאָדז האָט געשטערן באַטראַכט אונטערן פאָרזיץ פון מאַיאָר קאָריצקי דעם פּראָצעס פון אולאַנער פון 12 פּולק אין גראָדנאָ אליעזר ווייגשטיין, וועלכער ווערט באַשולדיגט אין נישט געהאָרכען זיין דער העכערער מאַכט. אין יוני 1925 איז אין גראָדנאָ געשטאַנען דער 12. אולאַנען פּולק, און וועלכען א. ווייגשטיין האָט גע־דינט. איינמאָל ביינאַכט האָט דער שעף טערער אולאַנער וויכנעווסקי משמערענ־סקי געפאָדערט ווייגשטיין'ען זאָל שטעלען אויף וואַכע פאַר די קאַזאַרמען. ווייג־שטיין האָט אָבגעזאָגט.

ווייגשטיין איז פאַרמשפּט געוואָרן אויף 3 חדשים טורמע.

מאַסען און געוויכטער מוזן נאָכאַמאָל געשטעמפּעלט ווערען.

(§) דער מאַס־אַמט טיילט מיט, אַז אַלע מאַסען און געוויכטער, וועלכע זע־נען פאַר 3 יאָהר געשטעמפּעלט געוואָרען מוזען נאָך אַמאָל געשיקט ווערען אין לאָדזער מאַס־אַמט צו קאָנטראָלירן. אין דער נאָהנטסטער צייט וועלען אַ־זומערשליסע ווערען קאָנטראָלערען אין די געשעפטען, וועלכע וועלען איבער פאַל פון עובר זיין אויף די איבערגעטרעטענע פאַראָרדנונג צוזאַמענשטעלען פּראָטאָקאָלען און קאָנפיסקירן די נישט־געשטעמפּעלטע מאַסען און געוויכטער.

פאַר'משפּט 9 פויערים פאַר מישען מילך מיט וואַסער.

(§) נעכטען האָט דאָס קרייז־געריכט באַטראַכט אַ פּראָצעס געגען 9 פויערן, וועלכע זענען באַשולדיגט געוואָרן אין פאַלשען מילך דורך צוגיסען וואַסער. זיי זענען פאַרמשפּט געוואָרן צו באַצאָהלען ביסלעכווייזע געלד־שטראָפען.

זיך איבערגעשניטען דעם האַלז צוליב נויט

(§) דער 82־יעהריגער וולאַדיסלאַוו סטעפּאַנסקי פון קראָסנאָ 7 האָט זייט 2 חדשים פאַרלוירען זיין פאָסטען צוליב וואָס ער איז געבליבען אָהן מיטלען צום לעבען. ער האָט פּרובירט אויספאַרקויפט שטיבל־זאַכען און זיך דערפאַר מיט גע־לט געוועהן, ווען ס'איז שוין נישט געווען וואָס צו פאַרקויפען האָט סטעפּאַנסקי באַשלאָסען צו מאַכען אַ סוף צו זיין לעבען. נעכטען האָט ער זיך אויסגערעכנט מיט דעם האַלז מיט אַ ראַזיר־מעסער. דער עלטער מאַנס האָט קאַסטעלאַניק האָט נעכטען 10 אין דער פריה, אַרורכגעהענדיג דעם קאָרידאָר, באַמערקט אַ שטראָם בלוט, וואָס איז אַרויסגעראָנען פון אונטער דער שוועל פון אַ וואוינונג.

די ערסטע־הילף פּאָגאָטאָוויע האָט איהם נאָכ'ן ערטלען הילף איבערגעגעבען לאַזאַרעט אויפ'ן אָרט.

אַ שרפה אין דער טראַמוויי־רעמיזע.

(§) נעכטען אַ זייגער 5.30 אין דער פריה האָט זיך פאַרברענט אין דער טראַמוויי־רעמיזע דער הויפּט־קעסעל, צוליב דעם, וואָס אַ שטיק וואַסער האָט זיך פאַרגאָסען אין דער דינאַמאָ־מאַשין. צוליב דעם האָבען אַלע טראַמוואַיען קורסירט מיט צוגאָב־וואַגאָנען.

אַנשטעקענדע קראַנקהייטען.

(מ) אין דער פאַרגאַנגענער וואָך זענען אין געזונדהייטס־אַמט פון מאַגיסטראַט געמעלדעט געוואָרן פאַלגענדע אַנשטעקענדע קראַנקהייטען: בויך־טיפוס — 8 פאַלען, פלעק־טיפוס — 40, אָדרע — 127, דיפטעריע — 28, רויז — 8 פאַלען.

גע'גנב'עט אַ פוטער אין "פילהאַרמאָניע".

(—) אין דער קאָנצערט פון פילהאַרמאָניע־זאַל איז מאַקס לווראָנצקי'ן פון קאָשטשעלנאַ 9 גע'גנב'עט געוואָרן אַ פעלץ אין דעם ווערט פון 3570 זל. האָט זיך אַנגעגעבען אין דעם מאָמענט, אויף זיין אָרט און באַשטימט געוואָרן דער אונטערקאָמיסאַר דאַגושעווסקי.

אַ נייער נאַטשאַלניק פון מאַס־אַמט.

(§) דער נאַטשאַלניק פון מאַס־אַמט

די לעצטע נומערן
„דער פערבאַנד"
יודישער מאָנאַט־זשורנאַל
פון ניו־יאָרק.
דער אָרגאַן פונ'ם „פערבאַנד פון די פוילישע יודען אין אַמעריקאַ"
איז ערשט אָנגעקומען.
צו באַקומען אין אַדמיניסטראַציע
„לאָדזער טאָגבלאַט".

לאָדזער טאָגעבלאַט

דער רעדאַקטאָר געהמט-אָן פון 6 ביז 7 אין אָוענד.
ניט בעשטעלטע מאַנוסקריפּטען ווערען ניט צוריקגעשיקט.

אַדרעס: „Lodzer Tageblat", Łódź, Piotrkowska 16, Skrz. poczt. 16
טעלעפאָנען: פון רעדאַקציע 57. אַדמיניסטראַציע 47.

פּילסודסקי'ס נאָכגיביגקייט.

ס'ווייזט אויס, אַז מאַרשאַל פּילסודסקי איז ניט אַזוי שטאַרק ווי עס ווכט זיך, און דער סיים איז ניט אַזוי שוואַך, ווי ס'האָט באַלד נאָך דער מאַי-איבערקעהרעניש אויסגעזעהן.

אויב דער סיים שטעלט זיך פעסט (פערשטעהט זיך, פאַר א געוויסער זאַך) מוז אויך מאַרשאַל פּילסודסקי נאָכגעבען, און איצט האָט דער סיים ווידער צו פערצייכענען א וויכטיגען נצחון איבער דער רעגירונג.

פּרעמיער פּילסודסקי האָט געפאָדערט, אַז א חוץ דעם נאָרמאַלען מיליטער-בודזשעט, זאָל מען נאָך בעשטימען, אַז אויב דער פינאַנץ-מיניסטער וועט האָבען געלד, זאָל ער מעגען אויסגעבען ווייטערע 80 מיליאָן זלאָטים פאַר מיליטערישע צוועקען. דער סיים האָט זיך ערקלערט נעגען דעם מיט דער טענה, אַז מיר געבען שוין אויס גענוג אין פּוילען פאַר דעם מיליטער-בודזשעט און אומגעריכט פאַר אַלעמען האָט פּרעמיער פּילסודסקי ערקלערט דעם סיים-מאַרשאַלעק, אַז ער איז מסכים, מען זאָל אויסשטרייכען די 80 מיליאָן פונ'ם בודזשעט.

ה' פּילסודסקי'ס פריינד און אונטערשטיצער האָבען אפילו נאָר וואָס געדראָהט מיט „מוראַ'דיגע קאָנסעקווענצען", אויב דער סיים וועט האָבען די העזה זיך ענטגעגענשטעלען דעם „קאָמענדאַנט'ס" ווילען. זיי זענען געווען פויפסטליכער ווי דער פויפסט: דער מאַרשאַל אַליין האָט זיך באַלד נאָכגעגעבען.

* * *

אונזער מיליטער-בודזשעט.

מיט דער דאָזיגער „נאָכגיביגקייט" וועט אָבער פּוילענ'ס מיליטער-שער בודזשעט נאָך אַלץ זיין איינער פון די שווערסטע און גרעסטע אין איירופּא.

רוסלאַנד פערוועגדעט 16,71 פּראָצענט פון איהר גאַנצען מלוכה-בודזשעט אויף מיליטערישע צוועקען, ליטע—20 פּראָצ.; פראַנקרייך—14.10 פּראָצ.; רומעניען—14 פּראָצ.; ענגלאַנד—13; טשעכאָ-סלאָוואַקיען—11,32; איטאַליען—10,9; אונגאַרן—9,60; עסטרייך—7,95; דייטשלאַנד—3,10 פּראָצ. און בלויז פּוילען ערלויבט זיך אויסצוגעבען 33,39 פּראָצענט, ד. ה. מעהר ווי איין דריטעל פון אַלע איהרע מלוכה-הוצאות אויף מיליטערישע צוועקען.

יעדער דריטער זלאָטי, וואָס מיר בעצאָהלען אויף שטייערן, נעהט אויף אויסצוהאַלטען אונזער גרויסע אַרמעע און מיר געהען עקאָנאָמיש צו גרונד, ווייל מיר מוזען אויסהאַלטען הונדערטער טויזענדער אָפיצירען מעהר, ווי יעדע אַנדערע מלוכה אין איירופּא.

עקאָנאָמיש וועט אונז אין פּוילען אַזוי לאַנג ניט בעסער ווערען, כּל-זמן מיר וועלען מוזען אויסהאַלטען די דאָזיגע שווערע מיליטערישע לאַסט. 80 מיליאָן זלאָטים אַראָפּ, 80 מיליאָן אַרויף — דאָס שפּילט שוין היינט ביי אונז ניט קיין גרויסע ראָלע; מינדעסטענס אויף דער העלפט מוז מען פערקלענערען אונזער מיליטערישען בודזשעט, כּדי מיר זאָלען עקאָנאָמיש קענען לייכטער אָבאָטעמען.

* * *

פּוילענס אויסערן-פּאָליטיק.

אפשר לעג איך צופיל אַכט אויף אונזער אויסערן-מיניסטער'ס זאַלעס-קי'ס לעצטען עקספּאָזע, אָבער מיר דוכט זיך, אַז מען קאָן דאָרט אַרויס-לעזען דעם אָנהויב פון א נייער פּוילישער אויסערן-פּאָליטיק. וועגען ליטע האָט ה' זאַלעסקי גערעדט אין א מעגליך רוהיגען טאָן און קלאָר און דייט-ליך ערקלערט, אַז פּוילען וויל מיט ליטע קיין מלחמות ניט פיהרען.

נאָך שטאַרקער און דייטליכער קומט אין ה' זאַלעסקי'ס עקספּאָזע צום אויסדרוק דער שלום-טאָן אין פערהעלטניש צו רוסלאַנד. אונזער אויסערן-מיניסטער ערקלערט איצט, אַז ער וויל ניט אַוועקשטעלען רוס-לאַנד פאַר א פּוילישען בלאָק מיט די באַלטישע מלוכות, און אַז ער איז גרייט ערנסט צו פערהאַנדלען מיט דער מאָסקווער רעגירונג וועגען אַנ'-אַפּמאַך, וועלכער זאָל ביידע מלוכות גאַראַנטירען זייערע איצטיגע גרעניצען.

אומרוהיג איז ה' זאַלעסקי בלויז דאַן, ווען ער רעדט וועגען אונזער פערהעלטניש צו דייטשלאַנד. ער דערמאָנט, אַז אין דייטשלאַנד זענען פאַראַן שטרעבונגען צו פערשאַרפען די פּויליש-דייטשע בעציהונגען, און אַז דערין שטעקט אַנ'ערנסטע סכּנה. צי זאָל עס בעדייטען, אַז פּוילען וויל זיך זיכערן דעם שלום אויף איהר מזרח-גרעניץ ווייל מען האָט ניט מעהר האָפנונג צו קומען צו אַנ'אויסגלייך מיט דייטשלאַנד.

* * *

וואָס איז דער חילוק?

א רעכטע, צי א לינקע פּוילישע רעגירונג — פאַר אונז, יודען, איז דאָ קיין גאָר גרויסער חילוק, ליידער, ניט פאַראַן. מאַרשאַלעק פּילסוד-סקי'ס רעגירונג האַלט איצט אין דורכפיהרען די סאָנצעסיעס-רעוויזיע, וואָס וועט עקאָנאָמיש רואינירען פיל טויזענדער יודישע עקזיסטענצען. וואָס ה' וולאַדיסלאַוו גראַבסקי האָט אָנגעהויבען, דאָס ענדיגט מאַרשאַלעק פּילסודסקי... וויצע-פּרעמיער באַרטעל האָט געפיהרט אַנ'אַנטי-יודישע פּאָ-ליטיק אין די פראַגען פון דעם יודישען און העברעאישען שול-וועזען. ער איז גרייט געווען צו געבען געוויסע רעכט פאַר די שולען פון אַלע מינדער-הייטען אין פּוילען א חוץ - יודען. די שילער פון אונזערע שולען מוזען ווייטער אָפּגעבען זייערע „מאַטורא"-עקזאַמענס אויף פּויליש, כאָטש די אוקראַאינישע, דייטשע, ווייס-רוסישע שילער האָבען דאָס רעכט זיי אָפּצוגע-בען אין זייער מוטער-שפּראַך. ווידער דאָס זעלבע, וואָס סטאַניסלאַוו גראַב-סקי האָט אָנגעהויבען, דאָס האָט געענדיגט ה' וויצע-פּרעמיער באַרטעל. דאָס-זשע פאַר א חילוק איז צווישען די און יענע?

דעפּוטאַט משה פּראַסטיג.

יודישע נייעס.

א יודישע אוניווערסיטעט אין פילאַדעלפיא.

פילאַדעלפיע (יט"א) דא האָלט זיך אין עפענען א יודישער אוניווער-זיטעט, מיט א יודיש אלס לעה-שפּראַך. דער בעשלוס צו עפענען אזא אוניווער-זיטעט איז אָנגענומען געוואָרען אויף א קאָנפערענץ פון פערשידענע יודישע געזעלשאַפטען אין פילאַדעלפיע.

אלס אָנהויב פון דעם יודישען אוניווערזיטעט וועלען דערווייל פאָרקומען לעקציעס וועגען עקאָנאָמיע; סאָציאָלאָגיע און יודישע געשיכטע. די דאָזיגע קורסען עפענען זיך שוין קומענדיגען יאַנואַר. דער יודישער אוניווערזיטעט ווערט געשטיצט פון דער דורך איין און צוואַנציג יודישע אָר-גאַניזאַציעס אין פילאַדעלפיע. דער פער-וואַלטער פון דעם נייעם יודישען אוני-ווערזיטעט וועט זיין פּראָפ. חיים פיינמאַן.

אויסשטעלונג צום 300-יעה-ריגען יובליי פון ערשטען העברעאישען בוך.

אַמסטערדאַם (יט"א) צום 300-יעהריגען יובילעאום פון ערשטען געדרוק-טען תנך-עבריישען בוך, וואָס איז געוואָ-רען אַרויסגעגעבען דורך דעם בעקאַנטען מנשה בן ישראל און דורך דער יודישער פּאָרטוגעזישער קהלה און אַמסטערדאַם אָנגעאָרדענט געוואָרען א אויסשטעלונג פון גראַווירען מאַנוסקריפּטען און זעל-טענע ספרים, וועלכע געבען א קלאָר בילד איבער דעם יודישען קולטורעלען לעבען אין דער צייט פון מנשה בן ישראל.

צווישען אַנדערע געפינט זיך אויף דער אויסשטעלונג א פּאָרטרעט פון מנשה בן ישראל ווען ער איז אלט געווען 36 יאָהר, געמאָלט דורך דעם בערימטען מאָ-לער רעמבראַנדט.

לעזט אַבאָנירט
— דאָס —
„לאָדזער טאָגעבלאַט."

איבערשלעזישע צרות

איינדרוקען פון א רייזע איבער די מלוכה-אונטערנעהמונגען.

פון סענ. ד"ר פ. ראָטענשטרייך.

אַזוי לאַנג ווי איך האָב בעזוכט די מלוכה-אונטערנעהמונגען אין גאַליציען, איז קיין שום בעאַמטער פון די מלוכה-אונטערנעהמונגען ניט איינגעפאַלען צו פרעגען, פון וועלכען קלוב איך בין. קוים אָבער זענען מיר געקומען אין גע-ביט פון די געוועזענע דייטשע פּראָווינ-צען, איז בעוועזען די ערשטע פראַגע, וועלכע א לייטער פון אַנ'אונטערנעהמונג האָט מיר געשטעלט: פון וועלכען קלוב איך בין, אַז ער האָט דערהערט: פונ'ם „יודישען קלאָב", האָט ער אויפגעמאַכט מויל און אויגען. נבהל און משתומם איז דער בעאַמטער געוואָרען, אַז אין ווייטערען געשפרעך האָט איהם ערקלערט א הויכער בעאַמטער פונ'ם האַנדעלס-מיניסטעריום, אַז איך בין דאָ ניט אַלס א פערטרעטער פון א קלוב, נאָר אַלס בודזשעט-רעפערענט פונ'ם אינדוסטריע-און האַנדעלס-מיניסטעריום.

פונ'ם פּנים פון דעם דירעקטאָר האָט מען געקאָנט אַראָפּלעזען א שרעק און פערצווייפלונג. מען האָט געקאָנט פון זיין פּנים אַראָפּלעזען, וואָס פאַר א גע-דאַנקען עס זענען אין זיין קאָפּ ענט-שטאַנען. ער האָט זיך געקלערט: זענען טיר שוין אַזוי אומגליקליך, אַז יודען קומען אונז קאָנטראָלירען. אין שוין אַזוי שלעכט, אַז איך בין געצוואונגען צו ענטפערן אויף פערשידענע פראַגען, וואָס יודען שטעלען מיר.

אין די ערשטע עטליכע מינוטען האָט מען געזעהען, ווי אומגערן און ניט וויליג עס געהען די תשובות פון דעם בעאַמטענ'ס מויל. און עס איז גאָר קיין חידוש ניט, כּפעציעל, ווען א יוד שטעלט נאָך אַזעלכע פראַגען.

אָבער אין לויף פון א פּאָר שעה, אין דער צייט פון א שווערער אַרבייט, האָט מען בעקאָנט ביי דעם בעאַמטען זעהען, ווי ער האָט זיך בערעדערט, ווי גערן ער האָט געגרעדט און אין זיינע ריכטיגע האָט מען דאָ געזעהן, ווי א מין ענטשולדיגונג פאַר דער קריוודע, וואָס ער האָט מיט זיינע מחשבות געטון.

נאָך זעכצעהן שעה אַרבייט האָבען מיר דערנאָך גערעדט איבער די לעצטע וואַהלען אין שלעזיען. דער בעאַמטער האָט גערעדט און געזיפצט. שולדיג, אַזוי האָט ער גע'טענה'ט, איז נאָר וואַרשע. וואַרשע פערשטעהט ניט דעם אויבער-שלעזישען אַרבייטער, די הערען אין וואַרשע האָבען צעבראָכען דעם גאַנג פון אויבערשלעזישען אַרבייטער קאַרראַקטער, און זיי האָבען איהם קיין אַנדערען גאַנג ניט געגעבען. די מאַסע מוז האָבען אַנ'אָנגאַנג. איך בין ניט קיין אָנהענגער פון קאָרפאַנטי, האָט ער געזאָגט, אָבער ווען מען בעהאַרפט איהם מיט בלאָטע, הויבט אָן דער אַרבייטער צו גלויבען אין דעם, וואָס די דייטשען זאָגען. און טון דאָס, וואָס די דייטשען הייסען.

און ווען מען רעדט מיט אַרבייטער, וואָס רעדען צווישען זיך פּויליש און מען פרעגט זיי, ווי אַזוי זיי האָבען גע-שטימט ביי די וואַהלען, ענטפערען זיי: איינך ניט אויף דער פראַגע, נאָר ווען איהר פרעגט זיי, ווי אַזוי עס געהט זיי, הערט איהר פון זייערע רייד אַרויס א גרויסע אומצופרידענקייט מיט אַלעמען, וואָס מען טוט זייט יאָהרען אין שלעזיען.

איך האָב דערנאָך דערצעהלט דעם בעאַמטען איינצעלהייטען פון מיין גע-שפּרעך מיט די אַרבייטער און ער האָט מיר געזאָגט: וואַרשע מיינט, אַז מיט'ן אויפהויבען פון דער אויטאָנאָמיע אין אויבערשלעזיען וועט די מיינונג פון דער בעפעלקערונג זיך ענדערען. מען פער-שטעהט ניט אין וואַרשע די פּסיכאָ-לאָגיע פונ'ם אויבערשלעזישען אַרבייטער.

און אַזוי לאַנג ווי עס וועט ניט ווערען אַנדערש, וועט דער אַרבייטער אויפדריקען זיין אומצופרידענקייט און וועט שטימען פאַר די דייטשען.

די אַרבייטער אין שלעזיען זענען אומצופרידען ניט בלויז מיט וואַרשע, נאָר אויך מיט די בעאַמטע און אינזשי-ניערען, וואָס זענען געקומען קיין שלע-זיען. די פּסיכאָלאָגיע פון א געוועזענעם דייטשען בירגער איז אַנ'אַנדערע, ווי פון א געוועזענעם רוסישען בירגער און מען האָט כמעט די איבע צייגונג, אַז די אינזשינערען, וואָס זענען געקומען פונ'ם דאָן-געביט, וואו זיי זענען געווען בע-שעפטיגט אין רוסלאַנד, רעדען א אַנדער לשון, ווי די אַרבייטער אין שלעזיען, חגם ביידע רעדען פּויליש.

עס פעהלט א צוזאַמענלעבען צווישען דער פּוילישער אינטעליגענץ און דעם פּוילישען אַרבייטער. דער פּוילישער בעאַמטער דערנעהנטערט זיך צום אַר-בייטער אין דער צייט פון וואַהלען, אין טאָג-טעגליכען לעבען זענען דאָס אָבער צוויי בעזונדערע קלאַסען, וואָס קענען זיך ניט איינע די אַנדערע. אַנדערש אַרבייט דער דייטשער אינטעליגענט. ער זוכט אויף דעם אַרבייטער, ער גיט זיך מיט איהם פאַר זיך צו געווינען, ער שטרעבט צו ווערען זיין פריינד.

מען האָט אונז בעלערנט זיך צו וואַרטען אויפ'ן יוד, זאָגט מיר אַנ'אַרביי-טער. די אויפשטענדיגע האָבען פון אונז געמאַכט מאַכען בעסטיעס. מיר זענען קולטור-מענשען. מיר זעהען אינ'ם יוד א מענש פונקט, ווי אין אונז. בעשולדיגט ניט דעם אַרבייטער, ווען איהר הערט, אָדער לעזט, אַז מ'שלאָגט אין שלעזיען יודען, וועלען עס ניט טון די גרויסע, וועלען עס די פּשוטע מענשען קיינמאָל ניט טון.

מיר שטעהען ווייט פון די, וואָס האָ-בען געוואָלט פערפלאַנצען ביי אונז רו-סישע מעטאָדען. דער אַרבייטער וויל קיינעם ניט באַיקאָטירען, ער קויפט דאָרט, וואו עס איז ביליג, זאָגט מיר א יונגער אַרבייטער. די — און ווייזט מיט דער האַנד אויף א קאָנצעלאַריע, וואו עס זיצען גרויסע בעאַמטע—האָבען עס צו אונז געבראַכט און עס איז ניט די איינציגע שלעכטע מדה, מיט וועלכער מען האָט אונז דאָ בעהאָלט מזכה זיין. היינט, זעהט איהר, אַז מען העצט ניט, האַנדלען און וואַנדלען דאָ איינערע יודען, יודען מיט באָרד און פּאות, און קיינעם געשעהט גאָר ניט.

מען זאָגט, אַז די יודען מאַכען אָן א יקרות. עס איז א ליגען. ווען ניט די יודען, וואָלטען מיר בעצאָהלט 11.5 זל. פאַר 100 קג. קאַרטאָפעל. קוים זענען די יודען צו אונז געקומען מיט קאַרטאָ-פעל, האָט אויפגעהערט דער יקרות, זאָגט מיר א אַרבייטער פון איבער זעכ-ציג.

די יודען אין שלעזיען וואָלטען גע-קאָנט רוהיג לעבען, ווען די עטליכע שרייערס זאָלען געצוואונגען ווערען צו שווייגען.

שלעזיען איז א שווער פּראָבלעם. דער אַרבייטער האָט א קריטיש אויג, פערשטעהט א סך און מיט שאָוויניסטישע פראַזען קאָן מען איהם ניט געווינען. די בעפעלקערונג אין שלעזיען בעהאַנ-דעלט אַלע פראַגען פונ'ם פּראַקטישען שטאַנדפּונקט, און דאָס פערשטעהען ניט די, וואָס רעגירען אין שלעזיען.

געשטעלט צווישען צוויי פערשידענע מלוכות, אויף דער גרעניץ צווישען פער-שידענע ווירטשאַפטען מיט דער מעגליכ-קייט פון גאָר נאָהענט צו בעטראַכטען דעם דייטשען מלוכה-אַפּאַראַט און דעם פּוילישען, ווייל דער אַרבייטער קאָן זיך פריי בעוועגען צווישען פּויליש- און דייטש - אויבערשלעזיען, געפינט דער שלעזישער אַרבייטער א קריטישען חוש איבער דעם, וואָס עס קומט פאַר אין פּוילען. דאָס מוז מען אין פּוילען פער-שטעהן, דערמיט מוז מען זיך רעכענען, אויב מען וויל שלעזיען געווינען פאַר פּוילען.

די ערשטע איינדרוקען אין קישינעוו

בלעטער פון מיין טאָג-בוך
— פון —
ראובן בריינין.

III.

אין א שטונדע נאָך אונזער אָנקומען אין האָטעל האָבען זיך א שאָט געשון דעלעגאַציעס און פּשוט יודען, משכּילים, כּלל-טוער און ד. גל.

אַלע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס, דער קרן-היסוד, דער קרן קימת, דער „החלוץ" דער „השומר הצעיר" האָבען געשיקט צו מיר זייערע פערשטעהער, זייערע בעאַמטע, זייערע אויסגעוועהלטע מיך צו בעגריסען אַמעריטען אין העברעאיש.

איך האָב געבראַכט א פרישען גרוס פון ארץ-ישראל און אַלע זענען געווען פעראינטערעסירט צו הערען וועגען די לעצטע אויפטואונגען אין אונזער לאַנד. פיעל פון זיי זענען שוין אַליין געווען אין ארץ-ישראל און זענען בעקאַנט מיט איהרע וויכטיגסטע פּראָבלעמען. די אַנ-דערע זענען גוט בעקאַנט מיט אַלעם, וואָס עס טוט זיך דאָרט און ווערט גע-בויט, דורך די צייטונגען, בראָשורען און ביכער, וואָס עס קומט פון ארץ ישראל אָדער וועגען ארץ ישראל.

אין דער שפּיץ פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין בעסאַראַביען, וואָס איז בעקומען בעגריסען, שטעהט אינזשינער קאָטליאַר, אַנ'עלטערער, סימפּאַטישער, גוטמוטיגער מאַן, וואָס ווידמעט די גאַנ-צע צייט זיינע דער ציוניסטישער אַר-בייט.

די אַלע פאָרשטעהער און פיהרער פונ'ם ציוניזם אין בעסאַראַביען זענען פרייוויליגע אַרבייטער. קיינער פון זיי איז ניט קיין בעצאָהלטער בעאַמטער. נאָר די סעקרעטאַרען זענען בעצאָהלט (מיט קליינע געהאַלט) און אַרבייטען טאָג און נאַכט פאַר זייערע אָרגאַניזאַציעס. כמעט יעדערער פון די פיהרער און פון די בעאַמטע אין דער ציוניסטישער אָרגאַני-זאַציע פון בעסאַראַביען קען העברעאיש, קען די ליטעראַטור און איז א פאַלקס-מענש. די ציוניסטישע פיהרער געבען א לעבעדיגען אַנטייל אין אַלע יודישע כּלל זאַכען, אין אַלע הילפס און ערצי-הונגס אַרבייטען.

איך האָב זיך געפיהלט אין וואַרעמער, אינטעליגענטער ספערע. די דעלעגאַציעס האָבען מיך אויך אינפאָרמירט וועגען אַלע כּלל זאַכען און אויך וועגען דעם מצב, צושטאַנד, פון די בעסאַראַבער יו-דען. די איינציג לעבעדיגע אָרגאַניזאַציע [illegible]

גיבען אין אַלגעמיין אויף קיין זאַך ניט.

אַנ'אויסערגעווענליך סימפּאַטישען איינדרוק האָט אויף מיר געמאַכט די דע-לעגאַציע פונ'ם „שומר הצעיר". זיי האָ-בען מיך גלייך פעראינטערעסירט. נאָר וועגען זיי שפּעטער.

אַזוי ווי איך האָב נאָך געמוזט דעם זעלבען אָוענט רעדען פאַר דער אינטע-ליגענץ, פאַר די פּראָפעסיאָנעלע און פאַר דער יוגענט, האָבען מיך די דעלעגאַ-ציעס געשאָנעוועט און זיך ביי מיר ניט לאַנג אויפגעהאַלטען, כּדי צו געבען מיר די מעגליכקייט עטוואָס זיך אויסרוהען פון וועג און רעזערווירען מיינע כּוחות פאַר דעם אָוענט. מ'האָט צו מיין רע-פעראַט איינגעלאַדען אויך אַזעלכע אינ-טעליגענטען (און דאָס אָרימע קישינעוו האָט זיי ניט ווייניג), וואָס זענען נאָך ווייניג בעקאַנט מיט דער אויפבוי אַרבייט אין ארץ-ישראל, און עס איז געווען צו ערוואַרטען, אַז נאָך מיין רעדע וועט מען מיר שטעלען פערשידענע פראַגען און איך וועל זיי מוזען ענטפערען.

* * *

אָבער מיר איז אויף מיין רייזע, וואו-הין איך בין ניט געקומען, ניט בעשערט געווען צו רוהען א מינוט.

וועלכער יוד אין מזרח איירופּא האָט ניט קיין פערוואַנדטען, בעקאַנטען, קינ-דער, אייניקלעך, יוגענט-פריינד און ד. גל. אין אַמעריקאַ און וועלכער יוד אין בע-סאַראַביע, וואָס געהערט איצט צו רומע-ניען, וויל זיך ניט אַרויסרייסען פון דעם עמק-לאַנד און פאָהרען קיין אַמעריקאַ? וועלכע יודישע פאַמיליע דאָרט בעקומט ניט קיין שטיצע פון פערוואַנדטע אין אַמעריקאַ אָדער פונ'ם דזשאָינט און וועל-כע יודישע פאַמיליע וויל ניט מעהר בעקומען אויף אויסצוהאַלטען דאָס ביסעלע לעבען? וועלכער יוד וויל דאָס ניט וויסען, ווי קען מען זיך בעפרייען גע-גען דער גזירה פון דער קוואָטע און אַריבערכאַפּען זיך קיין אַמעריקאַ?

איך האָב בעגעגענט פּשוט'ע יודען אין די מיטעלע יאָהרען, וועלכע, וואַר-טענדיג אויף דער גליקליכער שעה, אַז [illegible]

גען בעזוך אין ארץ-ישראל, זענען דאָך די יודען שטאַרק פעראינטערעסירט צו וויסען, אויב מען קען דאָרט מאַכען א לעבען און ווי קומט מען אַהין און וואָס טוט מען דאָרט די ערשטע צייט און ווי-פיל געלט ברויכט מען דערצו?

היינט זענען דאָ נאָך משׂכּילים פון עלטערען דור, וואָס ניט קוקענדיג אויף אַלע וועלט-מלחמות, רעוואָלוציעס, אי-בערקערענישען זיצען נאָך נעכט און שרייבען שירים, לידער אין העברעאיש וועגען דער זון און דער לבנה, וועגען דעם קריג צווישען דער אמונה און דער השכּלה ד. גל. זיי האָבען אָנגעשריבען גאַנצע פעק און זיי קומען מיט זייער פּאָעזיע צו הערען א מיינונג, אגב צו דערוויסען זיך וואו דרוקט מען דאָס און וויפיל מען קען פאַר אַזא סחורה בעקומען. עס קומען אויך אַזעלכע בעלי בתּים אָדער יונגע בחורים, וואָס „דיכטען" אין יודיש שרייבען אויך אין פּראָזע וועגען וואָס איהר ווילט נאָר — און זיי קומען פרעגען, ווי ווערט מען שרייבער אין אַנ'אַמעריקאַנער יודישער צייטונג. זיי האָבען געהערט, אַז מען צאָהלט דאָרט תּרפ"ט אַלפים.

צווישען די אַלע כאַפּען זיך אַריין אויך א פּאָר וויכטיגע יודען, תּלמידי חכמים, קלוגע מענשען, לומדים, „קענער". אַנדערע צווישען זיי — אינטערעסאַנטען, זעל-טענע טיפּען, די לעצטע פון א גרויסען דור, און זיי לעבען אין זייערע ווינקע-לעך איינזאַם, פערהונגערט קערפּערליך און גייסטליך — פאַר זיי איז א גאַסט ווי איך — א יום-טוב, א האָפנונג, אַנ' ערלעזונג, און אַז. וו.

און די אַלע בעזוכער האָבען מיך בעלאַגערט אויך אין קישינעוו, ווי אין די אַנדערע שטעט.

דער זאַל האָט זיך אָנגעפילט מיט אַלערליי בעזוכער און איך האָב קיין האַרץ ניט אַבצושטויסען פון זיך אַזעל-כע מענשען, ברידער אין נויט. א גוט וואָרט דערמוטיגט זיי, פליסט אַריין אין זיי נייע לעבען.

די מענשען האָבען צייט, האָבען געדולד, זיצען און וואַרטען אויף זייער ריי.

און די בעזוכער אין קישענעוו האָבען מיר גאַנץ בעזונדערס בעוויזען די יודישע טראַגעדיע אין בעסאַראַביע. יעדער [illegible]

זייער צאָהל איז זעהר קליין — ווילען ניט וויסען פונ'ם אָרימאַן, ווען ער איז אפילו זיין לייבליכער ברודער. פערשטיי-נערטע הערצער. אַלע ווילען אויסוואַנ-דערען. אויב אוממעגליך קיין ארץ-ישראל איז כאָטש קיין אַמעריקאַ. אַנדערע דרעהען אום די נוסחא: אויב אוממעגליך [illegible]

(פאָרזעצונג — זעה זייט 4)

סענסאציאנעלע געשיכטע
מיט אנ'אינדישען עקס-קעניג,
וועלכער ווערט פערפאלגט פון טויט-יעגער, וויל ער האט זיך גע'שמדט.

ניו-יארק האט איצט א „גאסט“, מיט וועלכען עס האט זיך געטומעלט די וועלט מיט א פאר יאהר צוריק. דאס איז דער געוועזענער קעניג, אדער מאהאראדזשא פון אינדאר, א גרויסע, רייכע פראווינץ פון אינדיען, וועלכע איז כמעט זעלבסטשטענדיג, כאטש עס געפינען זיך דארט בריטישע בעאמטע, וועלכע האלטען די קאנטראל איבער דער געגענד, הויפטזעכליך דערפאר, אז עס זאל דארט נישט צוגעגרייט ווערען א מיליטערישע מאכט געגען דער בריטישער הערשאפט איבער דעם גרעסטען טייל אינדיען.

דער עקס-מאהאראדזשא איז שטארק בעוואכט פון אמעריקאנער דעטעקטיוון, וועלכע היטען איהם אויף שריט און טריט. די שמירה איז איהם געגעבען געווארען, ווייל עס האט זיך פערשפרייט א קלאנג, אז דריי געהיימניספולע הינדוסען זענען אהערגעקומען מיט דער אויפגאבע צו ערמארדען דעם געוועזענעם אינדאר-קעניג.

דער מאהאראדזשא איז אראפגעזעצט געווארען פון זיין טראהן דורך דער בריטישער רעגירונג דערפאר, וואס זיינע לייט האבען געמאכט אנ'אטאקע אויף א רייכען אינדישען סוחר און איהם ערמארדעט, און צוגענומען דאס געזיכט פון א שעהנער טענצערין, וועלכע איז מיט איהם געפאהרען, און זענען דאן ארעסטירט געווארען פון בריטישע אפיצירען, וועלכע זענען צופעליג אנגעקומען אויף דער סצענע.

אבער, כאטש ער האט פערלוירען זיין טראהן, האט ער נאך א גרויסען איינפלוס אין זיין לאנד און ער איז, חוץ דעם, דער בעזיצער פון אנ'אומגעהויער גרויסען פערמעגען. ער פערמאגט ריזיגע לאנד-שטרעקעס אין אינדאר, פאלאצען און אנדערע געביידען, אויסער מיליאנען דאלארען אין אינדיען, אין דער באנק פון ענגלאנד און אין אמעריקאנער געלד. ער איז א גרויסער אקציאנער פון פיעל גרויסע אונטערנעהמונגען, פון גאלד-גרובען און אנדערע. עס איז דעריבער קיין וואונדער נישט, וואס כאטש מען מוז איהם היטען אויף שריט און טריט. בעציהט מען זיך פונדעסטוועגען צו איהם מיט דעם גרעסטען דרך ארץ און ער ווערט מיט דעם גרעסטען כבוד אויפגענומען אין די ניו-יארקער אריסטאקראטישע קרייזען.

וואס איז אזעלכעס מיט איהם געשעהן, וואס איז זיין זינד?

דער מאהאראדזשא איז אויפגעוואקסען אין דער סיקה-רעליגיע. דא איז נישט דער פלאץ צו ערקלערען אין וואס עס די רעליגיע בעשטעהט. מיר ווילען נאר זאגען, אז בעת מען רעדט וועגען אינדיען און אינדיער, האבען מאנכע דעם איינדרוק, אז מען האט דעם איינדרוק, אז מען האט צו טון מיט איין פאלק. דאס איז נישט ריכטיג.

אינדיען איז צוטיילט אין צעהנדליגע פעלקער, רעליגיעס און סעקטען. קיין טייל פון דער וועלט איז נישט צוטיילט אין אזוי פיל פערשידענע פעלקער און אמונות, ווי אינדיען, און אט די אלע גלויבענס און סעקטען האלטען זיך אין איין ארומרייסען. אין געגענזייטיגען בעקעמפען זיך.

אין דעם בעשטעהט אויך דער סוד, פארוואס ענגלאנד איז אימשטאנד מיט אזא קליינער ארמעע צו בעהערשען דאס ריזיגע אינדיען מיט איהרע איבער 300 מיליאן מענשען.

די סיקה-רעליגיע איז איינע פון די פאנאטישסטע, כאטש איהר צאהל אנהענגער איז א קלענערע, ווי פון וועלכע אנדערע רעליגיעס אין אינדיען. די סטאטיסטיק פון 1915 ווייזט, אז די סיקהס האבען געצעהלט סך הכל ארום 9 מיליאן מאמינים אין גאנצען לאנד. בעת מיט א פופציג יאהר צוריק איז זייער צאהל געווען מעהר ווי צוויי מאל אזוי פיל.

אט דער פאקט אפשר מאכט די סיקהס אזוי פערביסען און פאנאטיש און זיי קענען נישט מוחל זיין איינעם פון זיי, ווען ער געהט אריבער צו אנ'אנדער רעליגיע.

אלזא, אויף אט דעם פונקט האט דער עקס-מאהאראדזשא עובר געווען און טאקע שוין נאכדעם ווי ער האט פערלוירען דעם טראהן.

געטון האט ער עס איינגענטליך, מעהר אויף לחכעיס ווי צוליב איבערצייגונג. דאס איז געווען דערפאר, וואס די פריסטער פון זיין אייגענער רעליגיע האבען געהאלפען איהם ארונטערווארפען פון טראהן, נאכדעם ווי ער האט דיסקרעדיטירט זיין קעניגליכען ראנג, דורך די פערשידענע סקאנדאלען.

צוויי וואכען נאכדעם ווי דער מאהאראדזשא איז ארונטערגעווארפען געווארען, האט ער פליצים, צו אלעמענס איבערראשונג, אנגענומען די מאכמעדאנישע אמונה. דאס איז געווען א קלאפ נישט נאר פאר די סיקה-פריסטער, נאר אויך פאר די קריסטליכע מיסיאנערען, וועלכע האבען געארבייט איבער איהם און געמיינט, אז ער איז שוין זייערער.

זיין איבערגעהן צו דער מאכמעדאנישער רעליגיע איז געווען א מפלה פאר די סיקהס און א פרייד פאר די מאכמעדאנער אין אינדיען.

דערמיט אליין האט ער זיך נישט בעגנוגענט. ער האט זיין פריוואטען סיקה-טעמפעל פערוואנדלט אין א מאכמעדאנישען מעטשעט און פון דארט ארויסגעטריבען אלע סיקה-פריסטער, ארייננעמענדיג מאכמעדאנישע גלחים.

נאך אט דער ערשטער איבערראשונג איז געקומען א צווייטע. דער מאהאראדזשא האט געלאזט אפ'שמד'ען אלע זיינע ווייבער — 12 אין צאהל — און זיי זענען אלע געווארען מאכמעדאנערינס.

עס איז דאן אנגעהאלטען געווארען א געהיימע אסיפה פון די סיקה-פריסטער און דער מאהאראדזשא איז פעראורטיילט געווארען צום טויט. ער האט זיך בעצייטענס דערפון דערוואוסט און צוזאמען מיט זיינע ווייבער אנטלאפען קיין באגדאד (אראביען) און ווי אויף לכעיס האט ער דארט גענומען נאך א ווייב, א געבוירענע מאכמעדאנישע אראבערין, און זי געמאכט אלס זיין הויפט-ווייב.

אבער אויך אין באגדאד האט איהם בעגרייכט די געהיימע האנד פון די סיקהס, און בעת ער איז געווען אין זיין רייכען האטעל, האט עמיצער דורכ'ן פענסטער אריינגעווארפען א קינדזשאל, וועלכער איז געווען געצילט אין איהם, אבער געטראפען אין וואנד.

דער מאהאראדזשא איז נאך אט דער געשיכטע אין געהיים אוועק פון באגדאד און ארומגעוואנדערט אין פערשידענע לענדער פון איראפא, נישט אפשטעלענדיג זיך צו לאנג אין ערגעץ.

איצט ער איז ער צו-גאסט אין אמעריקא. נאר עס ווייזט אויס, אז אויך דארט פערפאלגט איהם די געהיימע האנד פון נקמה און דערפאר ווערט ער אזוי אפגעהיט פון דעטעקטיוון.

בילדלער און סצענקעס
פון סאוויעט-רוסלאנד

אהן א „פאפירעל“ — קען מען זיך אין רוסלאנד נישט א ריהר טון.

אין דעם כארקאווער „שטערן“ בעקלאגט זיך א קאמוניסט:

„אין קיין לאנד, דאכט זיך, שרייבט מען נישט אזוי פיל פאפירלעך ווי דא. דאס פאפירל איז דאס מלוכה'שע אויג וואס היט, וואס קאנטראלירט. איך מיין אבער, אז דאס איז אויך צוליב דעם, וואס מיר האבען סתם ליב צו „קאנצעלארעווען“. איך האב געזעהן אנשטעלטען, וואו מענשען שרייבען אונטער זייערע נעמען אויף „פאפירלעך“ מיט אזא מורא'דיגען ערנסט ווי דאס וואלט געווען ווער ווייסט וואס פאר א נוצליכע ארבייט.

איהר הערט אפט שמועסען צווישען עולם:

— איך האב זעהר א גוט „פאפירעל“, קען פאהרען וואוהין איך וויל.

— יא, ווען איך זאל קענען קריגען א „פאפירעל“.

— חיים האט שוין אלע פאפירען!..

אפילו דארט, וואו עס איז נישט נויטיג שטאפט מען אויך אן די קעשענעס מיט „פאפירלעך“.

א מורא'דיגע פערשווענדונג פון פאפיר, טינט און צייט...

די געפאהר בעשטעהט אין דעם, וואס מיר קאנען אזוי „פערבאפירעלט“ ווערען אז דער לעבעדיגער זין פון יעדען געזעץ זאל זיך פערלירען.

א בעקאנטער מיינער האט מיר, למשל, דערציילט, אז ווען ער איז מיט א שרעקליכען צאהן-ווייטאג געקומען צולויפען אין דענטיסטען-קליניק, האט מען איהם צוערשט געהייסען אויספילען עטליכע „פאפירלעך“, ווען און וואו ער איז געבוירען געווארען; מיט וואס ער האט זיך פערנומען פאר דער מלחמה א. א. וו. און דער סוף איז געווען, אז מען האט איהם געהייסען אזוי גוט זיין און קומען ארויסנעמען דעם צאהן מיט צוויי וואכען שפעטער, ווען זיין רייהע וועט קומען. האט עס איהם פערדראסען און ער האט גלייך אנגעשריבען וועגען דעם א „פאפירעל“ אהין וואו מען דארף. האט מען איהם געענטפערט, אז דאס „פאפירעל“ זיינס איז נישט געווענדעט אויף דעם ריכטיגען אדרעס און אז ער זאל אזוי גוט זיין און שרייבען א „פאפירעל“ ערגיץ אנדערשוואו.

סאוויעט-רוסלאנד איז גרויס און וואונדערליך און רייך. מיר טרעטען דא אויף גאלד און אויף זילבער, אויף ראדיום און אויף אייזען. אין יעדען שטיקעל ערד, ליגט אזוי צו זאגען א „ראקפעלער“. מיר האבען טויזענדער „מארגאנס“ אין דער ערד, מוזען מיר אונזער גאנצען כח אנווענדען אויף אויסצונוצען דאס. מיר מוזען אבער מעהר טון און ווייניגער שרייבען...“

—0—

זעליג דער בעל עגלה האט צרות אין קאלינקאוויטש.

פון שטעטעל קאלינקאוויטש שרייבט מען דעם מינסקער „אקטיאבער“:

„דער בירגער זעליג פאפערנע, א בעל עגלה, איז א מיטגליד פון קוסטארען-פעראיין. ער פערמאגט א שעהנעם פערד און וואגען, פערדינט זיך גאנץ פיין און געהט דריי מאל א טאג דאווענען אין שוהל. זעליג איז נישט אבי ווער, ער איז געווען אין אמעריקא. געווען א מיטגליד אין די „טרייד-יוניאן“ און אין אנדערע „פעראיינען“, וועלכע ער רופט אן אויס'ן אמעריקאנער לשון. ער דערצעהלט פון אמעריקא גאנצע נסים פון עסען, טרינקען, הוליען. ווען ער האט געדארפט אבפאהרען צוריק אהיים, דערצעהלט ער, האבען ביי איהם חברה אויסגעטרונקען א גאנצען פאס ביער..

אין קוסטארען-פעראיין אבער וויל ער נישט צאהלען. ווען אויף א פערזאמלונג האט דער סעקרעטאר ביי איהם א פרעג געטון:

— חבר, פארוואס צאהלט איהר נישט אב פאר די צייטונגען, וואס קומט פון אייך העכער פון דריי חדשים און פארוואס ווילט איהר נישט האבען קיין צייטונגן? האט ער געענטפערט:

— איך דארף נישט און וויל נישט קיין „גאזעטען“...

ווען מען דערמאנט איהם, אז ביי איהם געהט אוועק מעהר געלד אויף ביער, הויבט ער אן צו שיסען מיט זידלווערטער אויף דער גאנצער קוסטאר-געזעלשאפט. ווען מען זאגט איהם: זעליג, קענסט דאך פליהען פון דער געזעלשאפט אזוי ווי א פראפען פון א פלעשעל, ענטפערט ער: „נישט דו האסט מיך אריינגענומען, נישט דו וועסט מיך אויסשליסען. אז אך און וועה איז צו מיר, אז איך בין אריינגעפאלען אין אזא שווארצער און פינסטערער ארגאניזאציע“.

דער סוף איז געווען, אז מען האט זעליג'ן טאקע אויסגעשלאסען פון דער געזעלשאפט.

מען וועט קויפען היץ אין פלעשער.

עס וועט קומען א צייט ווען המזער אין די געגענדען וואו עס זענען קאלטע ווינטערן, וועלען געווארימט ווערען מיט היץ, וואס מען וועט קריגען צו קויפען אין פלעשער, אדער ספעציעלע כלים, וואס וועלען געמאכט ווערען פאר דעם צוועק.

אזוי איז די נביאות פון פראפעסאר א. בינג. דער פראפעסאר האט ערקלערט אז קויהלען וועלכע מיר געברויכען צו ווארימען אונזערע וואוינונגען, שעפען זיך ביסלעכווייז אויס און וועלען סוף כל סוף אינגאנצען אויסגעהן. דאן וועט קיין אנדער ברירה נים זיין און מען וועט מוזען שעפען היץ פון די טראפישע געגענדען. אויב מיר ווייסע וועלען ס'ניט טון, וועלען דאס טון די שווארצע איינגעבוירענע פון די טראפישע לענדער. מען וועט, זאגט דער פראפעסאר, מוזען אויפשטעלען אין עגיפטען א גרויסע ריזיגע מאשין, וואס זאל אנזאמלען אין זיך זון-שטראהלען און עס וועט שוין געפונען ווערען מיטלען ווי אזוי פונאנדערצושיקען די היץ קיין בערלין, אדער ניו-יארק.

—0—

יודען מוזען קויפען אנטיסעמיטישע צייטונגען.

יאסי (יט"א) די הוגע אנטיסעמיטען האבען זיך א לעצטערע צייט אנגעהויבען קומען צום באהנהאף ביים דורכגאנג פון די צוגען און צווינגען אונטער דראהונגען, די דורכרייזענדע יודען צו קויפען די הוגע אנטיסעמיטישע צייטונגען „ארמא“ (וואפען), וואס צייכענט זיך אויס מיט איהרע ווילדע בלבולים און פאגראם העצעריען געגען יודען.

עקאנאמישע און רעכטליכע לאגע פון די יודען
אין סאוויעט-רוסלאנד

יודען אין דער פראפעסיאנעלער בעוועגונג.-יודען און וואהל-רעכט.-די לאגע אין די שטעטלעך.-קולטור-ארבייט.

מאסקווא (יט"א) מען ברענגען דא [illegible] וואס דער הויפט-סעקרעטאר פון צ. ב. פון די „יעווסעקציעס“ משעמערינסקי האט געהאלטען אויף דער קאנפערענץ פון די „יעווסעקציעס“ אין מאסקווא.

יודען - מיטגלידער פון פראפ. פעראיינען זענען פאראן 12.8 פראצענט פון דער אלגעמיינער צאהל מיטגלידער. אויסגעוועהלטע אין פערשידענע פראפעסיאנעלע ארגאנען 20.8 פראצ. ד. ה. מיט 8% מעהר ווי לויט דער צאהל מיטגלידער. 60 פראצ. פון די יודישע מיטגלידער פון די פראפ-פעראיינען האבען אנגעהויבען יודיש אלס זייער מוטער-שפראך.

יודען, וואס האבען וואהל-רעכט זענען פאראן אין אוקראינע 965 טויזענד, 741 אין ווייסרוסלאנד, 525 טויזענד ,835 אין גרויס-רוסלאנד 90.006 בסך הכל אין גאנצען ראטען-פערבאנד זענען פאראן יודען, וואס האבען וואהל-רעכט א מיליאן 167 טויזענד 220 נפשות.

דער דורכשניטליכער פראצענט פון דער אלגעמיינער בעפעלקערונג אין אוקראינע, וואס האט נישט קיין וואהל-רעכט בעטרעפט 2.1 פראצ. פון זיי זענען יודען 46 פראצ. אין דער צייט ווען דער פראצענט יודען בנוגע דער אלגעמיינער צאהל פון דער בעפעלקערונג איז בלויז 6.5 פראצענט. די צאהל יודען, וואס האבען נים קיין וואהל-רעכט בנוגע די צאהל יודען, וואס האבען יא וואהל-רעכט מאכט אויס 15 פראצ. ד. ה. אז די צאהל פון וואהל-רעכטלאזע יודען איז בערך 7 מאל אזוי גרויס ווי די צאהל וואהל-רעכטלאזע נישט-יודען.

בערך די זעלבע פערהעלטנישען האט-שען אויך אין ווייס-רוסלאנד און אין גרויס-רוסלאנד. משעמערינסקי האט ערקלערט די דאזיגע ערשיינונג מיט פאלגענדע סבות: די יודישע בעפעלקערונג איז א שטאטישע, בעת די נישט-יודישע איז א דארפישע. וואס ס'איז שווער פעסטצושטעלען, ווער עס בעשעפטיגט זיך מיט געדונגענע ארבייטער-קראפט, וואס נעמט צו דאס וואהל-רעכט. דער סאציאלער בעשטאנד פון דער יודישער בעפעלקערונג איז שטארק און נים קיין געזונטער, צווישען יודען זענען פאראן צופיל נישט-ארבייטענדע עלעמענטען. משעמערינסקי האט אויסגערעכנט גאר א סבה, צוליב וועלכער די צאהל וואהל-רעכטלאזע יודען איז גרעסער ווי ביי נישט-יודען, דאס איז דאס פאסיווע פערהאלטען זיך פון די יודען צו זייער וואהל-רעכט“.

די צאהל יודען, וואס האבען אבער גענומען אין די וואהלען אין גאנצען ראטען-פערבאנד האט בעטראפען 500 טויזענד 481, ד. ה. לערך 20 פראצ. פון דער יודישער בעפעלקערונג. די צאהל אלע מיטגלידער אין די וואהלען פון דער אלגעמיינער בעפעלקערונג האט בעטראפען 35 מיליאן אין רונדע ציפער.

משעמערינסקי געפינט אמת, אז אין משך פון די לעצטע צוויי יאהר איז די לאגע פון דער יודישער בעפעלקערונג אין די שטעטלעך בעדייטענד פערבעסערט געווארען, סיי אין וואלוליר-געזעלשאפטליך קולטורעלען הינזיכט, סיי מאטעריעל. אין אלגעמיין אבער הערשט נאך אין די שטעטלעך א גרויסער דלות און דחקות. כדי צו פערלייכטערן די לאגע פון דער שטעטעלדיגער ארימקייט, האבען זיך לעצטענס אנגעהויבען ארגאניזירען קאמיטעטען פון געגענזייטיגער הילף.

יודישע שולען זענען אין 1926 י. געווען אין אוקראינע 456. אין פערגלייך מיט די יאהרען 1925/24 האט זיך די צאהל שולען פערגרעסערט אויף 30 פראצענט. אין די יודישע שולען פון אוקראינא לערנען זיך 75.000 קינדער. וואס עס מאכט אויס 40 פראצענט פון דער אלגעמיינער צאהל יודישע קינדער פון שול-עלטער.

אין גרויס-רוסלאנד זענען אין 1925/24 געווען 96 יודישע שולען מיט 18 טויזענד קינדער.

שע שולען מיט 13 טויזענד קינדער.

אין ווייס-רוסלאנד — 147 יודישע ערציהונגס-אנשטאלטען מיט 25 טויזענד קינדער, וואס בעטרעפט 50 פראצ. פון דער אלגעמיינער צאהל יודישע שול-קינדער, יודישע קלובען. אווענד-שולען פאר דערוואקסענע, פאליטישע שולען זענען אין אוקראינע פאראן לערך 600, אין גרויס-רוסלאנד — 168, אין ווייס-רוסלאנד — 56.

אויסער דעם זענען פאראן 8 יודישע פעדאגאגישע טעכניקומס א יודישע אבטיילונג ביים פעדאגאגישען אינסטיטוט אין אדעס, א יודישע ביים פעדאגאגישען פאקולטעט פון מאסקווער אוניווערזיטעט א יודישער פעדאגאגישער פאקולטעט ביים מינסקער אוניווערזיטעט, ארבייטער פאקולטעטען אין מינסק, אדעס, לענינגראד. 21 פראצ. מעדיצינישע שולען אין אוקראינע, 10 שולען פאר דער ארבייטער יוגענד א. א. וו.

משעמערינסקי דערציילט דערביי, אז אויף דער יודישער גאס האבען אויפגעלעבט פערשידענע קלעריקאלע, נאציאנאליסטישע און בעל-הבית'ישע עלעמענטען, וועלכע פיהרען א קאמף געגען דער יודישער ראטען-שול. עס גרינדען זיך אונלעגאלע חדרים און ישיבות. צו דער העכערער מאכט ווערען אבגעשיקט דעפוטאציעס וועגען לעגאליזירען די חדרים און העברעאישע שולען, וועגען איינפיהרען די העברעאישע שפראך אין די ראטען-שולען א. ד. גל. ווייטער האט זיך משעמערינסקי בעקלאגט דערויף, וואס אין לאגער פון די קלעריקאלען בעמערקט זיך א גרויסע אויפלעבונג. בעזונדערע שולען פערוואנדלען זיך אין קהלות, עס בעמערקען זיך שוין אויך פערבינדונגען צווישען די קהלות.

די יודישע קהלות האבען זיך אנטשטאלט מטען פערשפרייט אויף אוקראינע. דעם 1. נאוועמבער 1926 זענען אין אוקראינע געווען 1003 קהלות מיט 137,237 מיטגלידער. אין קאמף פון די קהלות פאר דער השפעה איבער די מאסען פערנעמען דעם ווינקעלנעמען ארט די מאסקווער און לענינגראדער יודישע קהלות.

משעמערינסקי איז געקומען צום אויספיהר, דאס עס מוז פיהרט ווערן א שטארקער און פערזאמעלט וואשען דער אנטי-רעליגיעזער קאמף, וועלכער מוז אננעמען א מעטאדישען און פלאנמעסיגען כאראקטער. נייטיג די ארגאניזאציעס פון די קלעריקאלען, ווי למשל, „גמילת חסדים“, „לינת-הצדק“ א. אז. וו. דארף מען פערשטארקען די טעטיגקייט פון די קאמיטעטען פאר געגענזייטיגער הילף“.

די ערשטע איינדרוקען פון קישינעוו
(ענדע פון זייט 3.)

פיל פון זיי וועלכע האבען געהערט צו די שווארצע כאות, די וועלכע בעהויפטען, אז יודען האבען חרוב געמאכט רוסלאנד און געטויטעט דעם צאר און זיין פאמיליע, — די רוסען זענען יודישע שונאים, נאך מיט מעהר האס ווי אמאל. די רומענישע בעאמטע, וועלכע בעהערשען איצט בעסאראביע, זענען כאבארניקעס, בלוטזויגער און דריקען דעם יודען אויף יעדען טריט. קיינער איז ניט זיכער מיט'ן מארגענדיגען טאג די יודען וועלכע קענען ניט קיין רומעניש, ליידען נאך גאנץ בעזונדערס עקאנאמיש און מאראליש, זיי פיהלען זיך פערהאסט, אונטערדריקט פון אלע זייטען.

די ארמוט' די אומזיכערקייט, דער האס ארום שאפען אין דער יודישער גאס א פערצווייפעלטע צושטאנד, אבגעלאזענקייט.

אין די יודישע קינדער, וואס וואקסען אויף אין אזא אוממעגליכער אטמאספערע, זענען קראנק קערפערליך און גייסטיג. איין גאט ווייס וואס פאר א דור עס וואקסט.

עס איז נאך א וואונדער וואס טראגט דעם אלעם זענען דא נאך גוטע, געראטענע קינדער און אויך זיטליכע.

עס איז א גרויסער וואונדער, וואס נאך היינט, נאך אלע שווערע נסיונות זענען דא אין די מאסען, כשר'ע, עהרליכע נשמות: יודען ליידען, הונגערען געהען ארום אפגעריסען, אבגעשליסען אין שטוב איז קאלט, קיין אויסזיכטען אויף בעסערע צייטען איז ניטא, אויב די האפנונג אויף אמעריקע איז צעקראכען, און דאך געפינט איהר צווישען די האראפאשניקעס איידעלע נשמות, וועלכע טיילען זייער לעצטע ביסען מיט א שכן. קיין ארבייט איז פאר זיי ניט שווער, אבי צו פערדינגען עהרליך עפעס צום לעבען.

אין די בעזוכער האבען געקרעכצט געזיפצט, געפרעגט עצות, געפרעגט נאך א וועג ווי צו פערבעסערן די לאגע.

א נייער ארץ-ישראל-פילם.

ירושלים (יט"א) אין לאנדאן האט זיך געשאפען א נייע פילם-אונטערנעהמונג „פרימוס פאציפיק פילם“. די נייע אונטערנעהמונג האט זיך געשטעלט פאר איהר ערשטער אויפגאבע צו שאפען ארטיסטישע פילמען פון ארץ ישראל און יודישען לעבען.

דער הויפט-דירעקטאר פון דער געזעלשאפט איז ה' יוסף קובארסקי. וועמענס פילמען זענען גוט בעקאנט אין אמעריקא. עס זענען ארגאניזירט געווארען ערשט-קלאסיגע ארטיסטישע קרעפטען. דער ערשטער פילם וועט הייסען „א פעה-יתום'ס פאלק“ און וועט שילדערן דאס יודישע לעבען אין די גלות-לענדער און אין ארץ ישראל. ה' קובארסקי איז שוין ארויסגעפאהרען קיין ארץ ישראל כדי צו מאכען פארבערייטונגען צו דעם פילם.

ערד-קאלאניזאציע צווישען יודען אין פוילען.

א מתנה פון 200 מארגעס לאנד.-שול פאר יודישער לאנד-ווירטשאפט.-טעארעטישע און פראקטישע קורסען פאר יודישע לאנד-ארבייטער.

ווארשא (יט"א) דעם 6. ה. ח. איז פארגעקומען א זיצונג פון ארגאניזאציאנס-קאמיטעט פון „טאז“. עס איז פארגעלעזען געווארען א בריף פון ה' צוקער, אז ער שענקט פאר דער געזעלשאפט 200 מארג ערד פון זיין גוט אין פינסקער פאוויאט. די ערד בעשטעהט פון אקער-בארען, לאנקעס מיט וואלד. עס איז בעשלאסען געווארען אויסצודריקען א דאנק דעם ה' צוקער פאר זיין מוילדער מתנה און בעפולמעכטיגען די מיטגלידער פון קאמיטעט, אינזש. אבראהאם זינגער לעווין און אינזש. געזאמעטער קאבאצקי איבערצוגעבען דאס גוט און אויסארבייטען א גענויען פלאן ווי אזוי דאס גוט באלד אנהויבען אויסצונוצען פאר די צוועקען פון דער געזעלשאפט.

ווייטער איז אויסגעהערט געווארען די מעלדונג פון אינזש וואסערמאן לעהר-אנשטאלט וועגען גרינדען א יודישע שולע פאר לאנדווירטשאפט. אויף צו פיהרען די ווייטערדיגע אונטערהאנדלונגען מיט דעם דערמאנטען לעהר-אנשטאלט און פערווירקליכען דעם פלאן זענען אויסגעוועהלט געווארען: ד"ר ס. סוריץ, רעד. ש. בוכנער און אינזש. לעווין.

מחמת דעם, וואס „טאז“ וויל דורכפיהרען אויסנוצען דעם קומענדיגען פריהלינג אויף דער ערשטער ארבייט אויסצובילדען יודישע ערד-ארבייטער. איז בעשלאסען געווארען שוין אין די נאהנטסטע וואכען שאפען טעארעטישע קורסען פאר ערד-ארבייט און אויך זיך ווענדען מיט אנ'אויפרוף צו די יודישע גוטס-בעזיצער וועגען געבען די מעגליכקייט דעם קומענדיגען פריהלינג די צוהערער פון די דאזיגע קורסען פראקטיש צו ארבייטען אין זייערע גוטער.

עס איז בעשלאסען געווארען אנצוהויבען א גרויסע ווערבונגס-אקציע פון מיטגלידער פון „טאז“. אינ'ם סעקרעטאריאט פאר „טאז“ זענען אויסגעוועהלט געווארען אינזש. קאבאצקי, אשה פעלמאן און אינזש. בערמאן.

לאָדזער כראָניק.

באַנק פאַר סוחרים-דעטאַליסטען.

(ע) אויף דער לעצטער זיצונג פון דער פערוואַלטונג פון דעטאַליסטען-סוחרים-פעראיין איז בעטראַכט געוואָרען די פראַגע פון גרינדען אַ באַנק, וואָס זאָל אַרויסגעבען ביליגען קרעדיט די סוחרים-דעטאַליסטען, וועלכע בעניסען נישט, ווי בעקאַנט, פון קיין שום רעגירונגס-קרעדיטען.

עס איז בעשלאָסען געוואָרען אָנצוהויבען די ערשטע שריט צו שאַפען אַזאַ באַנק.

קאָנפערענץ וועגען דער לוין-אַקציע אין דער טעקסטיל-אינדוסטריע—אָפּגעלעגט.

(ד) נעכטען האָט געזאָלט פאָרקומען אַ קאָנפערענץ פון אויספיהרונגס-קאָמיטעט פון די קלאַסען-פעראיינען, אויף וועלכער עס האָט געזאָלט בעטראַכט ווערען די פראַגע וועגען אַרויסשטעלען אַ הוספה אין דער טעקסטיל-אינדוסטריע. צוליב דעם, וואָס דעפ. שטשיפּקאָווסקי, וועלכער האָט געזאָלט רעפערירען, איז נישט געקומען צו פאָהרען, איז די קאָנפערענץ אָפּגעלעגט געוואָרען.

אויסגעגליטשט און צובראָכען אַ פוס.

(—) אויף קאָנסטאַנטינער 26 האָט זיך אויסגעגליטשט פייגע האָכבערג פון דער וועלבער גאַס נומער 24 און צובראָכען אַ פוס.

אַ נייער טריפות-סקאַנדאַל,

וואָס ציהט זיך אַזש פון זדונסקאַ-וואָלאַ קיין לאָדז.

אַ יודישער קצב האָט פערקויפט חלב אנשטאַט כשר פלייש.

(ג) ווייזט אויס, אַז דעם לאָדזער ראַבינאַט איז שוין בעשערט בסדר צו האָבען צו טון מיט פלייש-כשר סקאַנדאַלען, אויב נישט דירעקט פון לאָדז, איז פון שטעטלעך און אויב נישט פון שטעטלעך, איז פון זדונסקאַ-וואָליאַ.

נעכטען האָט דער היגער ראַבינאַט גענומען אַבהאַלטען אַ ספּעציעלע זיצונג און צוזאַמענהאַנג מיט אַ נייעם טריפות-סקאַנדאַל.

מיט אַ וואָך צוריק וואַלטען צוריק האָט אַ יודישער בעל-עגלה פון זדונסקאַ-וואָליאַ געקויפט און אַוועק פון די לאָדזער יודישע יאַטקעס אַ קילאָ פלייש רינד-פלייש דאָס פלייש האָט ער פאַר אַ פאָר גראָשען

ציוה אַוועקגעגעבען אַ יודישער שוחט-שוחט-קעז און זדונסקאַ-וואָליאַ. ווען דאָס פלייש איז געלעגען אויפ'ן אויסזאַלץ-ברעט בייַ דער שוחט'טקע, איז גיך אָנגעקומען צו איהר אַ קצב, בייַ וועמען האָט אויסגעזעהן פּונקט כשר'ן פלייש האָט אַרויסגע-רופען אַ פערדאַכט און ער האָט דאָס פלייש גענויער מרייפער. דאַן האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז דער יודישער שוחט'טקע'ס פלייש איז גאָרנישט קיין פלייש, נאָר חלב.

די יורענע איז דאָ אָוועק מיט אַ „יעלה" צום בעל-עגלה. דער בעל-עגלה געטרעך, גאָט די נשמה שולדיג, האָט ניט פערשטאַנען, וואָס דאָ איז געשעהן.

קורץ, דער ענין האָט אָנגעשלאָגען צום זדונסקאַ-וואָליער דיין. יענער האָט גע-מאַכט אַ חקירה ודרישה און בעשלאָסען צוזאַמען מיט'ן בעל-עגלה צו פאָהרען קיין לאָדז, כדי אויפ'ן אָרט בעשאַווער צו ווערען, ווי לאַנג יודען זענען שוין מאכלי-טריפה יודישע משפחות.

הרב ליבוש ראָזענבערג צוזאַמען מיט'ן זדונסקאַ-וואָליער רב האָבען דאַ-לגע-פיהרט אַ'אויספאָרשונג און פעסטגע-שטעלט, אַז די יאַטקע, אויף וועלכער דער בעל-עגלה האָט אָנגעוויזען, — קאָן אפילו נישט זיין קיין חשר, אַז דאָרט ווערט פערקויפט חלב.

דער ראַבינאַט האָט גענומען אונטער אַ קרייץ-פֿאַרהער דעם קצב, אָבער מען איז בייַ איהם גאָרנישט געוואַהר געווא-רען.

בינו-לבינו איז אַרייַנגעטרעטען אַנ'-אַנדער-זוגג און ס'איז בעשלאָסען געוואָ-רען, אַז דער ענין זאָל אויסגעפאָרשט ווערען נאָך אַמאָל אין זדונסקאַ-וואָליאַ, ווייל אין דער זאַך איז אויך פערמישט אַ גוי, אויף וועלכען עס איז דאָ אַ חשר, אַז ער זאָל האָבען געמאַכט אַ „מויש".

ענדליך איז מען געקומען אויף די שפו-רען פון שולדיגען. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז כשר-קצבים בעקומען נישט בייַ די הורמאָוניקעס קיין חלב, ווייל דעם פיל פלייש קויפען אַ נאָר חלב-שמעלצער, זיי-פען-זיידער און ליכט-ציהער. דיוּת מען האָט אין שחט-הויז געלאַפט אַ כשר-קצב גנב'ענען „אַ גע'ץ" (אַ חלב), איז מען זיך משער, אַז דער ראַדזיגער קצב זאָל עס זיין דער אמת'ער חייב און דער געשוכטע מיט'ן זדונסקאַ-וואָליער פּוהר-מאַן.

די אויספאָרשונג פון ראַבינאַט ווערט איצט אָנגעמען אַנ'אַנדער-ע ווענדונג. רעזולטאַט אָבער הערט זיך.

אונטערשטיצונגען פאַר אַרבייטסלאָזע ווערען פערברייטערט.

(ד) דער אַרבייטסלאָזיגקייטס-פאָנד האָט בעשלאָסען צו פערגרעסערן די צאָהל פערזאָנען, וואָס זאָלען בעקומען אונטערשטיצונגען. אַלע די וועלכע דער פאָנד האָט עגטזאָגט צו געבען אונטער-שטיצונגען, דאַרפען נאָכאַמאָל אַרייַנטראָגען בישעס, וואָס וועלען איצט גינסטיג ערלעדיגט ווערען.

געוועזענע מיליטערישע עט. אַז געוועזענע פי-ליטער-לייט. וואָס זענען בעפרייט געוואָ-רען פון מיליטער אין נאָוועמבער און דעצעמבער 1925 און אין פעברואַר און סעפּטעמבער 1926 בעקומען דרינגענדע אונטערשטיצונגען. אויך גייסטיגע אַר-בייטסלאָזע בעקומען אונטערשטיצונגען, ווען זיי ווייזען אויף אַז פאַר'ן געהן דינען אין מיליטער זענען זיי געווען בעשעפטיגט.

* * *

געוועזענע זעלנער בעקומען אונטערשטיצונגען.

(ע) דער אַרבייטסלאָזיגקייטס-פאָנד איז

אַלגעמיינע מאָביליזאַציע פון די יאָהר-גענג 1907 ביז 1867

דאָס ערשטע מאָל ווערען אויך פרויען אַרייַנגע-צויגען אין די רייהען!

דער יודישער זשורנאַליסטען- און לי-טעראַטען-פעראיין אין לאָדז האָט פער-אָרדענט אַנ'אַלגעמיינע מאָביליזאַציע פון מענער און פרויען פון 20 ביז 60 יאָה-יאָהר אַיינשליסליך. דאָס איז דער ערש-טער פאַל אין דער געשיכטע, וואָס מיינ-נער און אַפילו פרויען, ווערען אַרייַנגע-צויגען אין די רייהען, דערצו נריימען זיך אַלע אונ'ם אויבערערמאַנטען עלטער, צו מעלדען זיך — מיט שמש-אַהלענדע פנים'ער — דעם 29 יאַנואַר 1927 און

זאַמעל-פונקט רוג זאַכאַרניאַ און זאַוואַ-דזקאַ פּונקטליך 12 בייַנאַכט. און דאָס איז נישט קיין אונזער! פאַר נישט פּונקט-ליך ערשיינען זיך איז „אומפעריאַל" האָבען צו פלייטען ווייצען אין דער היים בעת דאָרט וועט דער מיט דער גרעסטער אומגעהויער ערוואַרטעטער מאַסקענבאַל פון דער יודישער פּרעסע געפייערט ווע-רען מיט דער גרעסטער פּראַכט און גלאַנץ און נאָך לאָדז וועט יענעם אַווענער געהן אויף רעדלער!

באַהן-קאַטאַסטראָפע אונטער קוטנאָ

צוויי באַהן-בעאַמטע שווער פערוואונדעט.

(!) זונטאָג בייַנאַכט איז צווישען דער באַהן-סטאַציע קלאָדאַווי און קוטנאָ זעגען צוליב דעם, וואָס עס איז נישט גע-געבען געוואָרען קיין סיגנאַל, אויף אַ משאות-צוג אַרויפגעפאָהרען צוויי לאָ-קאָמאָטיוועס, וועלכע זענען געגאַנגען אינ-גער נאָכ'ן אַנדערען.

צוליב'ן צוזאַמענשטויס זענען שווער פערוואונדעט געוואָרען: דער באַהן-מאַ-שיניסט ווערדינסקי און דער באַהן-בעַ-אַמטער וואַרנעצקי.

אויפ'ן אָרט פון פאַרפאַל, איז געקומען צו פאָהרען אַ ספּעציעלע אויספאָרשונגס קאָמיסיע, וועלכע האָט פערהאַרעט די אַרבייטער פון דעם באַהן-בעאַמטען קאַמי-שינסקי, וועלכער האָט דעם סיגנאַל נישט געגעבען.

צוליב דער קאַטאַסטראָפע האָבען זיך אַלע צוגען פון מאָהרן און פון דאַנציג פערשפעטיגט.

דאָס אַרבייטען דעם באַהן-וועג האָט געדויערט ביז צומאָרגענס מיטאָג.

די קוויטונגען, וועלכע עס געבען אַרויס די פינאַנץ-קאַסעס, רופען אַרויס מיספערשטענדנישען.

(ד) ווי בעקאַנט, האָבען די פינאַנץ-קאַסעס געענדערט דעם אופן פון אַרויס-געבען קוויטונגען בייַם אייַנצאָהלען פער-לענגערע שטייערן, ווי אייַנקונפטס-שטייער, קאָמונאַל-שטייער א. ד. ג. די ענדערונג בעשטעהט אין דעם, וואָס אויף די קווי-טעס ווערט בעצייכענט די אַלגעמיינע סומע און נישט די בעזונדערע סומען פון יעדען שטייער בעזונדער. די ענדע-רונג רופט אַרויס פערשידענע מיספער-שטענדנישען. דער צאָהלער ערינערט זיך נישט, וויפיל ער האָט בעצאָהלט אויפ'ן חשבון פון יעדען שטייער-בעזונדער.

צוליב דעם זאָל די ענדערונג איינגע-כען אָפּגעשאַפט ווערען און אַלץ זאָל ווייטער געפיהרט ווערען אויפ'ן אַלטען סיסטעם.

רעגיסטראַציע פון פאַר'מלחמה'דיגע וועקסלען.

פאָדערונג פון די לאָדזער סוחרים אַדורכצופיהרען אַ רעגיסטראַציע פון רוסישע וועקסלען איז ערפילט געוואָרען.

(ע) אויף איינעם פון די לעצטע קאָנ-פערענצען און פינאַנץ-מיניסטעריום, וועל-כע איז געווען געווידמעט דער פראַגע פון פער-לענגערן דעם מאָראַטאָ-ריום פאַר וועקסעל-פאַר-פליכטונגען, האָבען די פאָר-שטעהער פון די לאָדזער סוחרים-פעראיי-נען אַרויסגערוקט די פאָדערונג אַדורכ-צופיהרען אַ רעגיסטראַציע פון פאַר-מלחמה'דיגע רוסישע וועקסלען. דער פאָר-זיצענדער פון דער דאָזיגער קאָנפערענץ, דער פינאַנץ-מיניסטער משעלאָווינש האָט זיך גענסטיג בעצויגען צו דער פאָ-דערונג פון די לאָדזער סוחרים, פאָר-לענגענדיג די פאָדערונג געגעבן צו פעסט-זעצען אין אַ ספּעציעלען מעמאָריאַל. אין הסכם מיט'ן וואָרש פון פינאַנץ-מיניס-טער איז איהם איבערגעגעבען געוואָרען אַ מעמאָריאַל, און וועלכען עס איז אָנגע-וויזען אויף דער נויטווענדיגקייט אַדורכ-צופיהרען אַ רעגיסטראַציע פון די דער-מאָנטע וועקסלען. דעם 30 יוני פלוסט אָב דער טערמין פון מאָראַטאָריום. צו-ליב דעם איז וויכטיג, אַז די רעגיסטראַ-ציע זאָל אַדורכגעפיהרט ווערען פריהער אין לאָדז, וואָס איז פאַר'ן קריג געווען אַ גרויסער צענטער מיט'ן רוסישען האַנ-דעל.

גלייַכצייטיג וועט אין מעמאָריאַל אַרויסגערוקט די פראַגע וועגען אייַנווענדען צו די מאָראַטאָריום-וועקסלען דעם אַר-טיקעל 70 פון וועקסעל-אוסטאַוו, לויט וועלכען דער וועקסעל דאַרף אין צוויי וואָכען אַרום נאָכדעם, ווי דער מאָראַטאָ-ריום ענדיגט זיך, אָפּגעגעבען ווערען און נאָטאַריאַט.

די פאָדערונגען פון די לאָדזער סוחרים זענען גינסטיג אויפגענומען געוואָרען און די רעגירונגס-ספערען און די רעגיסטראַ-ציע פון פאַר'מלחמה'דיגע וועקסלען זאָל זיך אָנהויבען דעם ערשטען מאַי 1927.

מאַטעריאַלען צו דער געשיכטע פון דער ציוניסטישער בעוועגונג

פאַר די אוניווערזיטעט-ביבליאָטעק אין ירושלים.

די ירושלים'ער אוניווערזיטעט-ביבליא-טעק האָט בעקומען אין די לעצטע טעג פון ה' י. ל. גאָלדבערג אין תל-אביב אַ שעהנע מתנה. נעמליך אַ גרויסען און ווערטפולען אַרכיוו מיט מאַטעריאַלען צו דער געשיכטע פון דער ציוניסטישער בעוועגונג. דער דאָזיגער אַרכיוו איז גע-בליבען אַלס אַ ירושה נאָך דעם יונג-פערשטאָרבענעם יהושע ברזילי-אייזענ-שטאַדט ז"ל, וועלכער איז אַ לאַנגע צייט געוועזען דער פערשטעהער פון „חובבי ציון" אין ארץ-ישראל. דער דאָזיגער אַרכיוו איז פאַר דעם איבערגעגעבען גע-וואָרען דער ביבליאָטעק און געבראַכט געוואָרען אין אָרדנונג דורך דעם ה' יהודה אפעל. דער אַרכיוו ענטהאַלט פער-שידענע בריף פון די יאָהרען תר"נג-תר"סב פון אָדעסער ועד „חובבי ציון", אַפשריפ-טען פון פערשידענע בריף פון ועד-הפועל אין ארץ-ישראל צום אָדעסער ועד פון די יאָהרען תר"נו-תר"ס, די אָבשריפטען פון ברזילי,—פון די יאָהרען תר"מא-תר"עא, דעם פריוואַטען אַרכיוו פון ברזילי (צוי-

טונגען. בריף, מעמואַרען פון די יאָהרען תר"מד-תר"עב) און אויך די פּראָטאָקאָלען פון דער ארץ-ישראל'דיגער לייטונג צו דער חברה „בני משה".

צוזאַמען מיט די אַרכיוון, וועלכע גע-פינען זיך שוין פון לאַנג אין דער אוני-ווערזיטעט (דער אַרכיוו פון „חובבי-ציון" אין וואַרשאַ, „חובבי ציון" אין לאָנדאָן, פון דער חברה „בני משה", דער אַרכיוו פון אוסישקין) געפינט זיך איצט אין דער ביבליאָטעק אַ זעהר רייַכער מאַטעריאַל צו דער געשיכטע פון דער ציוניסטישער בעוועגונג. די לייטונג פון דער ירושלים'ער ביבליאָטעק ווענדעט זיך צו אַלע פער-וועלכע האָבען אין זייער בעזיץ וועלכע ס'איז מאַטעריאַלען איבער די ציוניס-טישע בעוועגונג, ווי דאָקומענטען צו דער געשיכטע פון „חבת-ציון", „בני משה" א. א. וו. זיי זאָלען צו וויסען געבען דער ביבליאָטעק לויט דעם אַדרעס: בעזעל-שאַפט פאַר די העברעאישע אוניווערזי-טעט אין ירושלים, וואַרשאַ גרזיבאָווסקאַ 26-28 טעל. 318-71.

מען לערנט זיך טעלעפאָנירען...

(ע) די טעלעפאָן-געזעלשאַפט האָט בעשלאָסען צו פערגרעסערן די טע-לעפאָן-סטאַציע. נישט געפינענדיג קיין רוטינירטע בעאַמטע, זענען צוגענומען געוואָרען 30 פרויליינס אויפצולערנען זיך אַרבייטען.

נאָך עטליכע טעג לערנען האָט מען די פרויליינס צוגעלאָזט זעלבסטשטענדיג אַרבייטען. אַ סך טעלעפאָן-אַבאָנענטען בעקלאָגען זיך. אַז עס געהט אַוועק אַ לאַנגע צייט, ביז מען פערבינדט זיי מיט דעם געפאָדערטען נומער.

עס וואָלט כ'לעבען, כדאי געווען, אַז די טעלעפאָן-דירעקציע זאָל נישט לאָזען לערנען טעלעפאָנירען אויף די... גער-ווען פון די טעלעפאָן-אַבאָנענטען.

אַ שרפה צוליב אַ „באַאינסע".

(—) אין דער וואוינונג פון ד"ר יול-יוס קראָווי, זאַכאָדניאַ 1, האָט זיך אָנגע-צינדען אַ כאַאינקע אין דאָס גאַנצע צי-מער איז באַלד געשטאַנען אין פלאַמען.

די לאָקאַטאָרען פון הויז האָבען די שרפה אייַנגעלאָשען. די פייערלעשער האָבען גאָרנישט געהאַט צו טון און זענען אוועקגעפאָהרען. דער שאָדען בעטרעפט 4000 זלאָטיס.

סכסוך צווישען די סטרושעס און ווירטען ווערט ענט-גילטיג ליקווידירט.

(ט) צום סוף פון דער הייַנטיגער וואָך וועט פאָרקומען בייַם אַרבייטס-אינספּעק-טאָר אַ קאָנפערענץ צווישען די פאָר-שטעהער פון די ווירטסלייט און סטרו-זשעס, אויף וועלכער עס וועט ענטגילטיג ליקווידירט ווערען דער סכסוך מיט די סטרוזשעס און צוזאַמענהאַנג מיט דער הוספה-פאָדערונג.

וואָס פאַר אַ דירה-געלד דאַרף מען צאָהלען אין יאַנואַר?

(ד) פאַר וואוינונגען פון 2—3 צימערן דאַרף מען צאָהלען 72 פראָצענט פון פאַר'מלחמה'דיגען דירה-געלד, פאַר וואוי-נונגען פון 6—4 צימערן—87 פּראָצענט. דירה-געלד פון פאַבריקס-בנינים האָט שוין דערגרייכט די פאַר'מלחמה'דיגע נאָרמע.

בלויז וואוינונגען פון איין צימער און איין צימער און קיך אונטערליגען נישט דער העכערונג פון דירה-געלד און פאַר זיי דאַרף מען ווייטער צאָהלען 43 פּראָ-צענט פון פאַר'מלחמה'דיגען דירה-געלד.

הויז-ווירטען, וואָס היטען נישט אָפּ דאָס לאָכאָ-טאָרען-שויץ-געזעץ, וועלען שטרענג בעשטראָפט ווערען.

(ע) דער וואָיעוואָדאַ יאַשטשאָלט האָט צוגעשיקט אַ פאָראָרדנונג דער פּאָליציי-קאָמענדאַ וואָס שטרענג אָבהיטען די פאָר-שריפטען פון לאָקאַטאָרען שויץ-גע-זעץ און צוציהען צו פעראַנטוואָרטליכ-

קייט אַלע הויז-בעזיצער, וועלכע היטען נישט אָב דאָס געזעץ. די לעצטע וועלען שטרענג בעשטראָפט ווערען, ווען עס וועט פעסטגעשטעלט ווערען, אַז זיי האָנדלען נעגען געזעץ.

טראַגעדיע פון אַ מינדעריעהריגער פערפירטער.

האַרץ-רייסענדע סצענע אין לאָקאַל פון דער קהלה.

(ג) אין ד"ר קהלה-שטוב שפּעקט מיט יומא-דפגרא: ראשית דערפאַר, וואָס עס האָט געזאָלט פאָרקומען אַ זיצונג פון דער פערוואַלטונג און די זיצונג איז נישט פאָרגעקומען, והשנית איז זונטאָג, און זונטאָג איז דאָך חנא — עס אַרבייט זיך עפּעס נישט און — ס'איז שטיל.

פּלוצלינג ווערט אין סאָדער-צימער „היימליך". אַ לאַנגע צייט איז געשטאַנען אַ יונגע פרוי אייַנגעהילט אין אַ טיכעל און אונטער דעם טיכעל געהאַט אַ קווי-טשענדיג פעקעל מיט אַ קינד. זי איז גע-שטאַנען פאַר'ן קאַנצעלאַריע-פענסטערל און געוואַרט ביז מ'וועט זי „ערלעדיגען". דערביי האָט זי נישט געקאָרגט קיין טרערען און איז כסדר געשטאַנען. זע-הענדיג, אַז מ'שיקט זי אָב פון „דער גמינע" מיט גאָרנישט, האָט זי אָנגעהויבען אָראָבערדען זיך פון האַרץ.

— זי איז אַלט 19 יאָהר, זי איז נישט קיין היגע. אין לאָדז איז זי שוין 6 יאָהר אויף „שטעלען". לעצטענס האָט זי, זייענדיג אויף „אַ שטעל" זיך בע-קענט מיט אַ יונגערמאַן, וועלכער האָט זיך איהר ערקלערט אין ליבע און צו-געזאָגט מיט איהר חתונה-האָבען. אַ שע-

מעודיגע און מיט אַ וויינענדיג קינד אין פעקעל אונטער דער פּייַטשעלע, האָט זי דערצעהלט וועגען איהר „ראָמאַן" מיט'ן יונגערמאַן, וועלכער האָט זי אין אַ געוויסען אָווענד פערפיהרט און מיט זיסע רייַדעלעך צוגעזאָגט מיט איהר חתונה צוהאָבען.

בלית ברירה האָט זי געגלויבט אין דעם צוזאָג. אינצווישען האָט זיך דער-וואויסט, אַז איהר געליבטער איז אַ מאַן פון אַ ווייב מיט 2 קינדערלעך. הערענ-דיג דאָס, איז זי געוואָרען פערצווייפעלט. דער „לובאָווניק" איז אָבער געוואָרען צו איהר מעהר צוגעלאָזענער און איהר געשוואוירען אייביגע ליבע. און הגם דאָס געוויסען האָט איהר געפלאָגט אנט-קעגען דעם געליבטענ'ס ווייב און קינ-דער, האָט זי זיך נישט געקענט העל-פען און מעוברת געוואָרען. במילא האָט זי אָנגעוואוירען די מעגליכקייט פון אַר-בייט און פאַר 3 וואָכען האָט זי געבוי-רען אַ קינד, אַ יונגעלע.

וואו צו זיין האָט זי נישט. זי איז אינגאַנצען אַלט 19 יאָהר און איהר איז דאָס לעבען שוין אַזוי לעסטיג. זי וויל אַז איהר קינד זאָל זיין גע'יודיש'ט

אָבער קיינער וויל זיך אויף איהר נישט אומקוקען. אדרבא. מען פערטאָלגט זי אויף טריט און שריט. מען טייַטעלט אויף איהר מיט די פינגער. ווייסט זי נישט וואָס צו טון, זי וויל מ'זאָל פ'קינד מל-זיין, ערציהען יודיש און דערפאַר איז זי געקומען אַהערצו.

הערען די דאָזיגע זי אויס, קוקען זי אויס, קוקען זיך איבער איינער מיט'ן אַנדער'ן און זאָגען: „אַ יונג מיידעל נאָך, איי, איי, סאַרע צייטען מ'האָבען הייַנט" — און זיי שיקען אָב די כרויעריגע, יונגע מאַמע אין „טאָז" אַריין, מחמת די קהלה מאָר נישט צינעמען אַזעלכע קינדער, דען אַנדערש וועט הייַנט קומען איינע אַזאַ מאַמע, מאָרגען אַנ'אַנדערע און איבערמאָרגען נאָך אַנ'אַנדערע.

האָט דאָס מיידעלשע מאַמעלע קיין אַנדער עצה נישט, צווייַנט זי זיך אין אונגעהאָלפענקייט און גייט אין „טאָז" אַריין.

נאַטירליך, אַז „טאָז" איז מניה-וביה אויך נישט אומשטאַנד צו העלפען „אַזאַ מאַמע", דעריבער—אויב זעהט איהר אין פּראָסטיגען טאָג אַ יונג מיידעל אין אַ פאַטשיילע מיט אַ וויינענדיג פעקעל פון פּאַרענט, זאָלט איהר וויסען זיין, אַז דאָס איז, געוויס, די יונגיטשקע מאַמע מיט'ן קינד פון איהר בעשוויבטען „קאַראַגאָק". ווער וועט איהר העלפען?

צו וועמען געהערען די גע'גנב'עטע זאַכען?

(—) אין דער נאַכט פון 25. אויפ'ן 26. דעצעמבער האָט אַ פּאָליציאַנט בע-מערקט אַ פערשוין, וואָס האָט געטראָגען אַ זאַק אויף די פּלייצעס. דערזעהענדיג דעם פּאָליציאַנט, האָט דער פערשוין אוועקגעוואָרפען דעם זאַק און אָנגעהוי-בען צו אַנטלויפען. ער איז געוואָרען

אַ-עסטירט. עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז ער הייסט יוסף בערווינסקי. די זא-כען זענען גע'גנב'עטע, נאָר וואו ער האָט זיי גע'גנב'עט האָט ער נישט געוואָלט אויסזאָגען. ער איז פערמשפּט געוואָרען אויף 2 יאָהר טורמע.

Najlepszym Twym współpracownikiem jest

Księga Adresowa Polski

dla Handlu, Przemysłu, Rzemiosł i Rolnictwa
wraz z w. m. Gdańskiem

wydawnictwo;

T-wa Reklamy Międzynarodowej, Sp. z o. o.

jen. repr. RUDOLF MOSSE

Warszawa, Marszałkowska 124.

Do nabycia w księgarniach i u wydawcy.

Przedstawiciel: J. Hirszberg, Łódź, Szkolna 4.

טעאַטער און מוזיק.

הייַנטיגער קאָנצערט פון הערמאַן יאַדלאָווקער.

הייַנט, דינסטאָג, וועט אין פילהאַרמאָ-ניע" פאָרקומען דער קאָנצערט פון וועלט בעריהמטען זינגער הערמאַן יאַדלאָווקער.

הערמאַן יאַדלאָווקער, אַ יוד געהערט צו די געצעהלטע זינגער, וואָס זייַנע נעמען זענען בעקאַנט און אַלע לענדער פון דער וועלט. זייַנע קאָנצערטען געהען אומעטום אַראָב מיט דעם גרעסטען ער-פאָלג, ווערענדיג בעגלייט פון טויזענדער מענשען.

געלטען האָט יאַדלאָווקער געזונגען און וואַרשאַ און מיט זייַנע לידער האָט ער פשוט בעגייסטערט דעם עולם.

מאָרגען טרעט אויף אין „פילהאַרמאָניע" אַלעקסאַנדער ווערטינסקי.

מאָרגען טרעט אויף און פילהאַרמאָניע זאָל דער בעקאַנטער זינגער אַלעקסאַנ-דער ווערטינסקי.

די עפענטליכע מיינונג.

פרייע טריבונע פאר ארטיקלען, בריף אין רעדאקציע און באמערקונגען, וואס האבען א געזעלשאפטליכען אינטערעס. פאר וועלכע די רעדאקציע נעהמט נישט איבער די פעראנטווארטליכקייט.

ערקלערונג פון גבאים-קאמיטעט פון אלטשטאטישער שוהל

אין צוזאמענהאנג מיט דער נאטיץ אין געלטיגען „לאדזער טאגעבלאט", אונטער'ן קעפעל „ווען וועט א סוף נעמען צו דער גבאי'שער דיקטאטור אין אלט-שטאטישער שוהל?" — בעטען מיר די געעהרטע רעדאקציע צו נעהמען פלאץ פאר דער פאלגענדער בעריכטיגונג:

עס איז נישט אמת, אז דער אונזעגער גבאי, וואס האט נישט דערלאזען דעם רעלענאט פון „לינת הצדק" צו רעדען למובת דער משמרים-סעקציע, איז געווען ה' בערקא. — אין געגענזאץ צו די איבריגע 9 גבאים, וועלכע האבען געזאלט יא מספים זיין צו לאזען האלטען א.ז. דער שהל די דערמאנטע ר.ע. אזוי איז אויך אבסאלוט נישט אמת דער גאנצער ספור המעשה וועגען א ביזיון, וואס די משכילים-סעקציע האט מיט 2 וואכען צוריק געהאט געשיקט צו די גבאים פון דער אלטשטאטישער שוהל מכח א עפנטליכע צו רעדען וועגען דער ראזינער 6-טאגע שבת ביים דאווענען. אויף וועלכען די גבאים זאלען האבען געגעבען א ענטפער, אז יענעם שבת וועט האלטען א מגיד פון ביאליסטאק א דרשה, און צוליב דעם זאל די רעדע פון די משמרים-סעלעציע אבגעלעגט ווערען אויפ'ן צווייטען שבת.

דער אמת איז אבער, אז עס איז שוין פיר לאנג דא א בעשלוס פון דער קהלה-פערוואלטונג, אז עס מאר קיין שום פריוואט-מענש נישט האלטען אין דער שוהל קיין רעדע אום שבת, אויסער א יב. ארער פד"צ — למובת א געזעלשאפטליכען ענין — און פון דעם האלט זיך דער שוהל-קאמיטעט שטרענג. דאס איז נישט קיין שום „געהיימער צירקולאר", נאר א בעשלוס. וואס איז אלעמען פון קאמיטעט און פון די מתפללים גאנץ גוט בעוואוסט. און דערום האט מען דעם רעלענאט פון „לינת הצדק" נישט געקאנט האבען געגעבען פריהער א צוזאג צו ערלויבען דארט רעדען — און רעדען דארט נישט צולאזען.

ס'איז אלזא קלאר, אז דער שמש פון שוהל האט נישט געפאדערט פון ה' גראמאן צו פערלאזען דעם בעלעמער און נאמען פונ'ם ה' בערקא און ס'האבען קיין אנדערע גבאים, ארער מתפללים נישט פראמעסטירט נעגען מבייש זיין א „שליח מצוה". דעם ה' גראהמאן, וועלכען קיינער האט באמת חלילה נישט מבייש געווען.

מיט דרך-ארץ

דער גבאים-קאמיטעט פון אלטשטאטישער שוהל.

בעפאלען און בערויבט אויף דער גאס.

(—) אויף ציגעל גאס נעבען הויז 8 איז פלוצלינג בעפאלען געווארען קאראלינא וואסענדראווסקא. אן'אומבעקאנטער פארשוין האט איהר דערלאנגט מיט אן'אייזען אין קאפ און איהר א-ויסגעריסען פון דער האנד א בייטעל מיט געלט.

פון הונגער.

(—) אויף פעטריקאווער גאס איז נעלעגען געפאלען אין חלשות פון הונגער שלמה בער שרייבער פון וואלבארסקא גאס. די פאגאטאוויע האט איהם געלייסט הילף.

Dr. med.
M. GLAZER
ul. ZIELONA 6 טעל. 45-49
ווענערישע, הויט און קראנקהייטען.
נעמט אן פון 8—1 אין 2—12 9.30—8 אוו.

צאהן-ארצט
S. Sokalski
אנדזשעיא 4, טעל. 54-12
נעמט אן פון 2—10 און 4—7 אווענד.

29. יאנואר 1927.

גאנץ לאדז ערווארט

מיט דער גרעסטער אונגעדולד ד. 29 יאנואר

דאס איז דער טאג פון דעם גרויסען אימפאזאנטען

מאסקען-באל

פון דער יודישער פרעסע

וועלכע קומט פאר אין די הערליכע זאלען פון דעם ניי-אויפגעבויטען „אימפעריאל" (רוג זאכאדניא און זאוואדזקא). די בעסטע קונסטמאלער, די פארנעמסטע דעקאראטארען, די בעסטע עלעקטרא-טעכניקער געבען זיך די גרעסטע מיה, אז דער מאסקען-באל זאל זיין

דער שלאגער פון דעם היי-יאהריגען באל-סעזאן אין לאדז.

29. יאנואר — 29. יאנואר

וויענער דייטשע אפערעטע אין **סקאלא** דירעקציע צעמען.

היינט דינסטאג 8,15 אווענד

„דאלי"

אפערעטע אין 3 אקטען פון הוגא הירש.

פערכויף פון פערשידענע
הערינג, עהלען ווי אויך **עסיג-עסענץ**
הורט און דעטייל. .... מיט די ביליגסטע פרייזען.
ש. מאלאמוט, זגערזשער 1
אלטער-מארק 15, טעל. 31-55
נאכ'ן געשעפט-שליסען טעלעפ. 39-39.

פאדערן איבעראל

נאר פאטענטירטע

פעלד-בעטען

פערזעהן מיט דער פאבריקס-מארקע

Palma-Patent

פאר וועלכע מיר גאראנטירען.
אויך שטעטס אויף לאגער אין א גרויסען אויסוואהל: ניקעל-בעטען, קינדער-בעטען, אמעריקאנקעס, קינדער-וועגעלעך, הויכע קינ-דער-בענקלעך, שאטקאווע און נאבעטע מאטראצען.
ביליגסטע פרייזען • רעעלסטע בעהאנדלונג!
לאדז, פולנאצנא 24, טעל. 31-85.

לעטשניצע

פון דאקטוירים-ספעציאליסטען
און צאהן-ערצטליכער קאבינעט
17 זגערזשער 17, טעל. 16-33.

ד"ר ראכאווסקי	נאז-, האלז, אויערען-קר.	פון 9—11, 2-3, 6-7
ד"ר יוסטמאן	נערווען-קראנקהייטען	פון 12—1, 6—7
ד"ר רוזשאנער	הויט און גע-שלעכטס - קר.	11—11, 1—2
ד"ר ראזענצווייג	קינדער-קראנקהייטען	10—12, 3—4
ד"ר פאפירני	פרויען- און געבורטס-הילף	12—1, 5—6
ד"ר גאלדשטיין-פאלאך	אויגען-קראנקהייטען	12—1, 7—8
ד"ר קאנטאר	כירורגישע קראנקהייטען	3—4
ד"ר וויינבערג	אינערע, ספעצ. הערץ, לונגען	11—12, 4—6
ד"ר סטופעל	רענטגען	10—12, 3—6
צאהן-ארצט א. גראדזענטשיק צאהן-ארצט נ. ראזעס	צאהן- און מויל-קראנק.	3—9 3—9

קינסטליכע העהנזאנג-בעשטראחלונג. פאקען-שטעלען.
ביי דער לעטשניצע איז געעפענט געווארען
א רענטגען-אינסטיטוט
קווארץ - לאמפ, דיאטערמיע און עלעקטרא-פיזישעס קאבינעט.
וויזיטען אין דער שטאט. אפען אויך זונטאג.
אלע ארט מעדעצינישע אנאליזען. — קורסען פאר שטאמלער
אים זונגען נעגען שקארלאטינע.

א האנדעלס-לאקאל

אינ'ם בעלעבטעסטען פונקט פון דער נאוואמיעסקא איז זעפארט ביליג איבערצוגעבען. אפפערטען אין אדמינ. פון „לאדזער טאגעבלאט" אונטער „לאקאל".
55

לאמבארד. א ליציטאציע.
די ווארשאווער לייה-אקציען-געזעלשאפט
אויף בעוועגליכע משכנות, אבטיילונג אין לאדז, זאכאדניא 31
מאכט בעקאנט, אז ד. 26, 27 און 28 יאנואר 1927 וועלען ווערען פערקויפט דורך א עפענטליכע ליציטאציע די אין צייט נישט פרעלאנגירטע משכנות. די פראצענטער דארפען איינגעצאהלט ווערען פאר'ן 20 יאנואר 1927, ווייל נאכ'ן דאזיגען טער-מין וועלען די משכנות-איינלייגער מוזען צוצאהלען די קאסטען פון דער מלוכה'שער פראביר - אנשטאלט פאר דער דורכגעפיהרטער פראבען-פעסטשטעלונג. די ליסטע פון די № № פון די משכנות, וואס אונטערליגען דעם פערקויף, וועט ווערען פערעפענטליכט אין „קוריער לודזקי" און ס'וועט אויסגעהאנגען ווערען אין דער ביורא זאכאדניא 31.
3744

בילאנסען

פאר'ן פערגאנגענעם יאהר ווערען אויסגעפערטיגט דורכ'ן ביורא
זינגער. 36 זאכאדניא 36.

בעקאנטמאכונג!
די בעקאנטע ווארשאווער פירמע א. ג.
J. KRZYPOW
האט געעפענט אין לאדז אויך'דער בענעדיקטא 16
א מעבעל-לאגער
פערקויפט און קויפט אלע ארט מעבעל, דיוואנען, נעה-מאשינען און גארדעראבע, פעלצען. כ'קויף פיאנאס, אנטיקען.
איך צאהל די העכסטע פרייזען! בייט זיך צו איבערצייגען!

בעקאנטמאכונג.
די בעקאנטע פירמע **Ch. Łaznik** האט געעפענט
א פראנט-**מעבעל-געשעפט**
אויף גדאנסקא (דלוגא) 41 טראמוואי 6 און 8.
קויפט פערשידענע מעבעל, דיוואנעס, פעלצען, אנציגער נעה-מאשינען א. ז. וו. צאהלט די העכסטע פרייזען
באמערקונג: אין געשעפט איז שטענדיג אויף לאגער פערשי-דענע מעבעל אין גוטען צושטאנד פרייזווירדיג צו פערקויפען.
(פריוואט-וואוינונג: בענעדיקטא 24).
3365

א הערצליכען דאנק
דער אויסגעצייכענטער אינטעליגענטער אקושערקע פרל. גאלדבערג, נאווא-צעגעלניאנא 24, וואס א דאנק איהר איבערגעגעבענער טרייער בעציהען זיך צו מיין פרוי בעת א געבורט איז אלעס גז"ד אדורך אהן קאמפליקאציעס און אין בעס-טען ארדנונג.
פנחס זאנענבערג און פרוי
ציגעל גאס 34.

שניטפארעמס צו שערצען
ווערען געזוכט ווי אויך צו הערען-, דאמען- און קינדער-וועש. אפפערטען אונטער „שערצען", אין דער אדמיניסטראציע פון דער צייטונג ביז מיטוואך פריה.

Dr. med. H. LEICHTER
קאנסטאנטינער 9, רוג זאכאדניא
טעל. 49-66.
צאהן-כירורג
ספעצ. פון כירורגישע קראנקהייטען ווי שטשען-קעס, ג.מענס, דזשאנפלעס, צאהן-פיסטולעס א.ז.וו.
נעמט אן פון 1-3 און פון 7-9 אוו. זונטאג 10-12.

אנ'ערשטקלאסיגער
פריזיער-ארבייטער
ווערט נעזוכט אויף פאמארסקא 14.

א האנדעלס-לאקאל
אין בעלעבטסטען צענטרום פון דער נאוואמיעסקא
זאפארט צו פערמיטען
צו ערפאהרען אין ביורא „ארגוס" זאכאדניא 36.

איך קויף אויף הורט אלערליי דאמען- און קינדער-גארדעראבען. איך בין אויך גרייט אנצונעהמען בעציהונגען מיט א שטענדיגען ליווע-ראנט. בעניגערס צו ערפאהרען אין רעדאקציע.

Dr. Ludwik Falk
צוריקגעקעהרט
נאווראט 7, טעל. 28-07
הויט און געשלעכטס-קראנקהייטען
נעמט אן פון 10—12 פון 5—7.
5619

עד מתי עצל תשכב?
ווי לאנג וועסט ווערטען מיט דיינע יעצטיגע און פאר מלחמה וועקסלען
מתי תקום משנתיך?
מען ווערט איהר קומען אין ביורא
פיעטריקאווער 17
2-טן הויף פארטער דורכגאנג זאכאדניא 52
וואו סווערט ערלעדיגט אלערליי ביטעס לויט'ן אוסטאה, קלאוזולעס זאבעז-פיעטשעניעס אויף אלע שטעט אין פוילען, אפעלאציעס, אפאויציעס, אר-וואלאניעס, רעקורסען — וועגנווקאנ-צעסיעס, פעסער אין קאמיסאר.-זשאנדו, ביטעס אין אלע פאליציי-בעצירקען, שוות-פות-אקטען, סטאטוטען, אקטען אינטערציזיעס, אקטען דארא-ווויזנעס, קארנע ספראוועס, ווי אויך איבערזעצונגען אין אלע שפראכען.
שנעל, רעעל און ביליג!
מיט אכטונג י. מאנעלא רעכטסקאנסולענט
פיעטריקאווער 17, זאכאדניא 52.

CHOROBY SERCA
astma Sanatorjum
„Salus" Kraków, Szujskiego 11

יעדער איינציגער האט זיך איבערצייגט, אז פאר
מעבעל
דיוואנעס, פעלצען, ניי-מאשינען, גארדעראבען א.ז.וו.
צאהלט די העכסטע פרייזען
א. ווייצמאן נארוטאוויטש 19 (דזיעלנא)
אין מעבעל-געוועלב (פריוו.-וואוינ.) שענקעוויטש 29
ביי מיר איז שטענדיג פערש. גענוצטע מעבעל אין גוטען צושטאנד צו פערקויפען.

וויכטיג פאר דאמען!!!
מאכט איך די עלעגאנטסטע דאמען-הוטע נאך דער לעצטער פאריזער מאדע און די עלעגאנטסטע הוטע איבער-ארבייטע איך אויך גענצליך ניי. געדענקט די אדרעס:
23 זאוואדזקא 23
אין הויף, 2-טען איינגאנג, לינקס פארטער.
נאר פאר **2.50** זל.
ווערען געמאכט זיידענע, פילץ מיט זיידע אויך פילץ-הוטע אין אלע פארבען אין פיינסטער אויספיהרונג.
נאר פאר **7** זל. בעם.
„TOLA"

אבאנאמענטס-פרייז: פאר א חודש אין פוילען 5 זל., אין פראנקרייך און בעל-גיען 20 פראנק, אין אנדערע לענדער — 1.25 דאלאר. אנאנסען-פרייז: פאר א מילימעטער-שורה פאר'ן טעקסט 16 גראשען, פרייטאג 24 גר.. אין טעקסט 40 גר., פרייטאג 60 גר., נאכ'ן טעקסט 12 גר., פרייטאג 18 גר. פאר אויסלענדישע אנאנסען 100% טייערער. צוליב דער שטאט-מיט 50% טייערער. פון די [illegible] נישט אראפגענומען קען [illegible]

Redaktor-wydawca: E. Bamberski Tłocznia B. i M. Hamburskich w Łodzi Piotrkowska 16